בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת נֹחַ

274

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג אִיךְ קוֹיפְן דָאס יָאר אַן אֶתְרוֹג פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?..........................................א

אִיז דָא צְוֵויי סָארְט גְסְחָאוֹת אוֹיף "מְכַלְכֵּל חַיִּים" אִין בְּרֶסְלֶב?..............................ב

פַארְוָואס אִיר לֶערְנְט אוֹיס דִי בָּחוּרִים צוּ זָאגְן גְמָרָא אָן פַארְשְׁטֵייְן?.......................ג

טָאר מֶען טַאקֶע נִישְׁט שְׁלָאפְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה?..........................................ז

זָאל אֵיךְ גֵייְן שְׁטִימֶען בַּיי דִי בְּחִירוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?......................................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

נֶעמְט דִי בְּרִיוו פַאר הַדְרָכָה, נִישְׁט פַאר תִּיקוּנִים..........................................א

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְן פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס......................................ד

דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ..................................................ו

בַּיים צִיוּן אִיז דָא נָאר אֵיין זַאךְ: "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת"......................................ז

ווארוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר שִׁיקְט אַייעֶר מַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן......................................ח

גֶעבּ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע נְסִיעָה..............ט

מִיט סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה, וֶועט דִי שְׁטוּבּ נִישְׁט צֶעפַאלְן.........................................י

זִינְג אוּן טַאנְץ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס זָארְגְט פַאר אוּנְז.......................................יג

אִין אוּמַאן אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס - דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן.......................................יד

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר זָאלְט אִיר נָאר טְרַאכְטְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.............................טו

לוֹיף צוּם צִיוּן אוּן בֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ.......................................................טז

זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם, מֶען זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט.............................................יז

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן טוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה..........................יז

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס אַזוֹי שֵׁיין צוּשְׁטֶעלְן, בִּפְרַט אִין אַזַא יָאר .......................... יח
אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ בַּיִת נִצְחִי אָדֶער דֶעם טֶעלֶעפָאן צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ............ יט
צֶעבְּרָאכְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן ............ יט
דִי הֶערְלִיכֶע נַייֶע קוּנְטְרֵס "אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען" .......................... כ
הַנְהָגוֹת פַאר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן .......................... כא
אַז מִיר וֶועלְן פַ'ארְגֶ'עבְן אוּן פַ'ארְגִ'ינֶען וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז פַ'ארְגִ'וּטִיגְן ...... כג
מִיט נֶעמֶען דָאס וָואס מִיר הָאבְן גֶערֶעדְט בְּמֶשֶׁךְ יוֹם טוֹב .......................... כד
שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן! .......................... כה
גוּטֶע קַבָּלוֹת אוֹיף דִי נַייֶע יָאר .......................... כו
אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִדַּת הַשִּׂמְחָה .......................... כח
גֵיי מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה זִיךְ בֶּענְטְשְׁן בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי זֵיידֶעס .......................... כט
מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן צוּפְרִידְנְצוּשְׁטֶעלְן דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל .... ל
הֶעלְפְן דִי חֵדֶר אוּן דִי סְקוּל .......................... לא
עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִיבֶּערְצוּלָאזְן דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף שִׂמְחַת תּוֹרָה .......................... לא
וָואס מֶען פַארְזִינְדִיגְט זִיךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ - דַארְף מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן .......................... לב
נֶעם זִיךְ פָאר זִיךְ מֶער אוּמְקוּקְן אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן .......................... לג
מֶען טוּט מִיר נִישְׁט קַיין טוֹבָה מִיטְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה .......................... לד
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד .......................... לה
אַ מְחַיֶ' צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ .......................... לו
אַז מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען נִישְׁט מְשׁוּגָע, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק .......................... לז
אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד .......................... מ
שַׁבָּת דַארְף זַיין נָאר שִׂמְחָה .......................... מא
זַיי דוּ דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן אוּן גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט .......................... מב
אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ פַארְבְּרֶענְג פַאר מֵפִיצִים .......................... מג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג אִיךְ קוֹיפְן דָאס יָאר אַן אֶתְרוֹג פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אִיךְ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּן אוֹצַר בֵּית דִין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר פַארְלָאזְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם הֶיתֵּרִים, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן שְׁמִיטָה מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת; נֶעם נָאר פוּן יְבוּל חוּץ לָאָרֶץ אוּן הִיט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג.) וֶועגְן דִי עֲבֵירָה פוּן נִישְׁט הִיטְן שְׁמִיטָה זֶענֶען מִיר פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין גָלוּת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן שְׁמִיטָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אָן קַיין שׁוּם דְרֵיידְלֶעךְ; עֶר הִיט דִי מִצְוָה אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דִי נַייעֶ זַאךְ פוּן הֶיתֵּר מְכִירָה, אוֹצַר בֵּית דִין - וֶועט עֶר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע צָרוֹת.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

**אִיז דָא צְוֵויי סָארְט נֻסְחָאוֹת אוֹיף "מְכַלְכֵּל חַיִּים" אִין בְּרֶסְלֶב?**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁאֵלָה:

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעהֶערְט ווִי אִיר זָאגְט פָאר דִי תְּפִילּוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיפְ'ן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר נוּסָח אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט דֶערְפוּן.

אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, לוֹיט ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִיז דָא צְוֵויי נֻסְחָאוֹת אוֹיף "מְכַלְכֵּל חַיִּים", אֵיינְס פַאר שַׁחֲרִית אוּן אַ צְווֵייטֶע פַאר מוּסָף, אָבֶער בַּיי אַייעֶר נוּסָח הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט בֵּיידֶע דִי זֶעלְבֶּע, פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ״ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה׳תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי נוּסָח וָואס מֶען דַאוְוענְט אִין בְּרֶסְלֶב אִיז זֵייעֶר אַ הַארְצִיגֶער נוּסָח, דִי נוּסָח אִיז אֵיין שְׁטִיק בֶּענְקֶענִישׁ אוּן גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בַּיי הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פוּן שַׁחֲרִית אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע נוּסָח פַאר דִי וֶוערְטֶער פוּן "מְכַלְכֵּל חַיִּים", אוּן בַּיי מוּסָף וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן "מְכַלְכֵּל חַיִּים" - אִיז דָא אַ הַארְצִיגֶע נִיגוּן וָואס דֶער גַאנְצֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זִינְגְט מִיט אִינְאֵיינֶעם, אֵיין שְׁטִיק הִתְעוֹרְרוּת.

פַארְגֶעס נִישְׁט, מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר טָפֵל; עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין דֶער נוּסָח פוּן בְּרֶסְלֶב, אָבֶער נִישְׁט דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב. אַז מֶען דַאוְוענְט דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר נוּסָח וֶוערְט מֶען נָאכְנִישְׁט פוּן רֶבִּינְ׳ס לַייט, אוּן אַז מֶען דַאוְוענְט נִישְׁט דִי נוּסָח אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, דֶער עִיקָר בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז תּוֹרָה וּתְפִלָּה. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם ר׳ יוֹסְקָא אַ בְּרִיוו: "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי" אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, "שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק" לֶערְן יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, "שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר" מַאךְ נִישְׁט פוּן נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאכְן אַז דָאס אִיז

וִויכְטִיג, "רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם" זֶע צוּ לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוֹרָא הָאבְּן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית אוֹיף וָואס מִיר זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַאְרוָואס אִיר לֶערְנְט אוֹיס דִי בָּחוּרִים צוּ זָאגְן גְמָרָא אָן פַאְרשְׁטֵיין?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיר לֶערְנְט אוֹיס דִי בָּחוּרִים צוּ זָאגְן גְמָרָא אָן פַארְשְׁטֵיין, אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועלְן זֵיי דָאךְ קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אִיר נֶעמְט דָאס פוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן עֶלְטֶערֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מַשְׁפִּיעַ, פוּן דִי נְקִיֵּי הַדַעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם, אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט אַז מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער לְכַתְּחִלָּה, נָאר אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, נָאר גֵיין וַוייטֶער, אָבֶּער נִישְׁט זִיךְ אַרָאפְּצוּזֶעצְן לְכַתְּחִלָּה בְּלוֹיז צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת ה'תשפ"ג**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹדֶם כָּל, וָואס זָאגְסְטוּ אַז אִיךְ לֶערְן אוֹיס בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין? דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) מֶען זָאל אַזוֹי לֶערְנֶען, דָאס אִיז נִישְׁט מַיין הַמְצָאָה; נִישְׁט אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיסְגֶעטְרָאפְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס.

צְוֵוייטְנְס, וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וֶוער עֶס אִיז "נְקִיֵּי הַדַעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם"? בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אִין זַיין מֹחַ צוּ וִויסְן אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ? מֵילָא דוּ

שְׁרַייבְּסְט הָאסְט גֶעהֶערְט פוּן זְקֵנִים שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם, אַלְטֶע לַייט פוּן יְרוּשָׁלַיִם – דָאס זֶעט מֶען אַז זֵיי זֶענֶען אַלְט, אָבֶּער אַז זֵיי הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ – וְוי וֵוייסְטוּ וֶועֶר עֶס הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ?

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם "זְקֵנִים" וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶערוּפְן מִיט דֶעם טִיטְל, זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס קְרִיגְן אוֹיף דִי סְפָרִים וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מְקָרֵב צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט מוֹהֲרַ"ש, דִי אַלֶע הָאבְּן אִין זֵייעֶר קָאפּ צוֹאָה רוֹתַחַת, זֵיי זֶענֶען בִּכְלָל נִישְׁט קַיין נְקִיֵּי הַדַעַת, זֵיי זֶענֶען טִנּוּפֵי דַּעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא) פְּשַׁט אִין וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵירוּבִין כא:): "הַלּוֹעֵג עַל דִּבְרֵי חֲכָמִים נִדּוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחַת", דִי וָואס מַאכְן אַוֶועק סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – דִי הָאבְּן צוֹאָה אִין קָאפּ.

וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא אַלֵיינְס אַרַיינְצוּקוּקְן אוּן זֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער? נֶעם דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו אוּן לֶערְן דָאס אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן זָאג דוּ אַלֵיינְס וָואס דָארְט שְׁטֵייט; קֶענְסְט דָאס טַייטְשְׁן אִין אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, אִידִישׁ עֶנְגְלִישׁ, סְפַּאנִישׁ, טֶערְקִישׁ; אַדְּרַבָּה, זָאג דוּ וָואס מֵיינֶען דִי וֶוערְטֶער: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס – אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין – מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין. "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ

שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי װערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט ווייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט – אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה –

גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח). עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן זָאלְסְט נִישְׁט טַעֲנָה'ען מִיט קֵיינֶעם; נִישְׁט מִיט דִי נְעָרִים אוּן נִישְׁט מִיט דִי זְקֵנִים, אֲפִילוּ מֶען בַּאטִיטְלְט זֵיי 'נְקִיֵּי הַדַּעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם'.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ, טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּישׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחָנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ", וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקַּר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טָאר מֶען טַאקֶע נִישְׁט שְׁלָאפְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִינֶעם בִּנְיַן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבְּן גֶעזֶען ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מַקְפִּיד מֶען זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְדֶערְפְרִי פַּארְ'ן עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְמִיטְן טָאג.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ ווֵייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַרְבֶּעט מִיט הִימְלִישֶׁע כֹּחוֹת, אָן שְׁלָאפְן אָן עֶסְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דַאוֶוענְט פַּארְ'ן עָמוּד, גֶעבְּט שִׁיעוּרִים, מַאכְט פְרֵיילִיךְ הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט פוּן וואוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה נֶעמְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחוֹת; אִיךְ בִּין אָבֶּער אַ פָּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשֶׁעלֶע, אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה, גֶע'הַרְגְ'ט מַמָּשׁ, קוֹים וָואס אִיךְ לֶעבּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן אוֹיף אַ פְלִיגֶער אוּן אוֹיף אַ בָּאס, דָאס יָאר אִיז דִי נְסִיעָה מִיר גֶעוָוארְן נָאךְ פִיל שְׁוֶוערֶער פוּן אַלֶע יָארְן, וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן ווָאלְט מֶען מִיךְ שׁוֹין בֶּאֱמֶת גֶעדַארְפְט טְרָאגְן מִיט אַ מִטָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גֵיין מִיט מַיינֶע צְוֵויי פִיס בִּיז צוּם בֶּעט; אִיז מַיין שְׁאֵלָה אַזוֹי, מוּז מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין נִישְׁט צוּ שְׁלָאפְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. בִּפְרַט אַז אִיךְ קוּם מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער?

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה [זֶע בֵּייגֶעלֵייגְט דֶעם שְׁטִיקְל צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועקְט אוֹיף דִי קִינְדֶער בַּיים עֲלוֹת ווַייל עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי, אִיךְ טְרַאכְט אוֹיךְ נִישְׁט אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן שְׁלָאפְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז כְּסֵדֶר וּכְשׁוּרָה, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִי גֶעזוּנְט פוּן דִי קִינְדֶער, מֶען לִיגְט נָאךְ יוֹם טוֹב מִיט פִיבֶּער, צֶעשְׁאקֶלְט אוּן צֶערִיסְן.

אִיךְ בִּין מְבַטֵל מַיין דַעַת צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוֹיבּ אִיז דִי תִּיקוּן פוּן יָאר תָּלוּי אִין נִישְׁט שְׁלָאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועל אִיךְ אוֹיפְוֶועקְן מִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל נִישְׁט שְׁלָאפְן; דָאס אִיז אָבֶּער מַיין שְׁאֵלָה, צִי אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, אִיךְ בִּין דָאךְ נִישְׁט אִין הִימְל אוּן אִיךְ וֶועל אַלֶעס טוּן צוּ הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע גוּטֶע יָאר.

הֲגַם עֶס אִיז נִישְׁט נוֹגֵעַ פַאר יֶעצְט, מֶען הָאלְט שׁוֹין נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ

גֶעדֶענְק אַז אַלֶע יָארְן וֶוען עֶס קוּמְט דֶערְצוּ טְרַאכְט אִיךְ אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפְּרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּאר יוֹם טוֹב וֶועגְן דֶעם, אַז אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ זָאג בְּסַךְ הַכֹּל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט. אַז מֶען קוּמְט אִין אוּמַאן זָאג אִיךְ יֶעדֶע יָאר פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סֵדֶר קִימָה): "צָרִיךְ שֶׁתֵּדַע בְּנִי", וִויסְן זָאלְסְטוּ, "שֶׁמּוּבָא בַּפּוֹסְקִים בְּשֵׁם הַיְּרוּשַׁלְמִי", עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים, "מַאן דְּדָמִיךְ בְּרֵישׁ שַׁתָּא", וֶוער עֶס שְׁלָאפְט אָנְהוֹיבּ יָאר "דָּמִיךְ מַזָּלֵיהּ", פַארְשְׁלָאפְט זַיין מַזָּל פוּן אַ גַאנְץ יָאר, "וְלָכֵן צְרִיכִים לְהִזָּהֵר בְּיוֹתֵר בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה לָקוּם קוֹדֶם אוֹר הַיּוֹם שֶׁיִּהְיֶה עֵר", דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֶען אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַאר'ן עֲלוֹת.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט - דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צֵייטְלִיךְ אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט בַּיי דִי כֹּחוֹת - אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶועזְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוְו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר צוּ הַאלְטְן בַּיים דַאוֶונֶען דַיינֶע קִינְדֶער

מִיט דִיר. מֶען דַארְף טַאקֶע אַסַאךְ נֶערְוֶועץ, אַסַאךְ גֶעדוּלְד, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶער גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶועֶרֶער שְׁפֶּעטֶער מִיט גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְחוּנָךְ, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד, תְּ'הֶא שְׁ'נַת פִּ'יל גֶ'עדוּלְד. נֶעם זִיךְ מִיט קֶענְדִיס אָדֶער אַנְדֶערֶע נַאשׁ, אוּן יֶעדֶע פָּאר מִינוּט גֶעבּ פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער נָאךְ אַ קְלֵיינִיקֵייט. אַזוֹי וִוי מְלַמְדִים אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר מִיט טִיקֶעטְס, מִיט שְׁטֶערְנְדְלֶעךְ, מִיט גוּטֶע נַאשׁ.

לָאז זֵיי נִישְׁט אַרוּמְלוֹיפְן בַּיים דַאוֶונֶען. דִי גָאר קְלֵיינֶע גֶעוואוֹין אַיין צוּ זָאגְן: "אָמֵן". דֶער רְמָ"א זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קכד, סְעִיף ז): "מִיָּד שֶׁהַתִּינוֹק עוֹנֶה 'אָמֵן', יֵשׁ לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", גְלַייךְ פוּן וֶוען אַ קִינְד זָאגְט אָמֵן, אִיז עֶר אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן לוֹיט דִי עֶלְטֶער גֶעווֹאוֹין זֵיי צוּ צוּ דַאוֶונֶען מֶער אוּן מֶער, קוֹדֶם בָּרְכוּ, נַקְדִּישָׁךְ, כֶּתֶר, וְשָׁמְרוּ; אַזוֹי צוּבִּיסְלִיךְ מֶער אוּן מֶער.

אֵיינֶער הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אִין אוּמַאן, גֵייעֶנְדִיג רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּארְטָאגְס צוּם צִיּוּן מִיטְ'ן עוֹלָם, מִיט מַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער: "וִוי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דִי הַארְץ אוֹיפְצוּאוֶועקְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּם פִינְף אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס, זֵיי שְׁלֶעפְּן שְׁלָאפֶעדִיגֶערְהֵייט צוּם צִיּוּן?" זָאג אִיךְ אִים: "נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת טוּ אִיךְ דָאס, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזֶען זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן, אִיךְ וִויל זֵיי גֶעבְּן דָאס בֶּעסְטֶע פַּאר זֵיי, אִיךְ וִויל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען גֵיין צוּם צִיּוּן"].

...

## זָאל אִיךְ גֵיין שְׁטִימֶען בַּיי דִי בְּחִירוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶס גֵייט זַיין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דָא נָאכְאַמָאל בְּחִירוֹת, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם מִיר גֵייעֶן צוּ דִי בְּחִירוֹת, יֶעדְן טָאג קוּמֶען אַרוֹיס פְרִישֶׁע חֲרֵדִישֶׁע צַייטוּנְגֶען וָואס שְׁרַייבְּן מִיט קִידוּשׁ לְבָנָה אוֹתִיּוֹת בְּשֵׁם גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אַז וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט

שְׁטִימֶען אִיז מְחַלֵּל כְּבוֹד שָׁמַיִם, און נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע מִצְווֹת וָואס מֶען גֵייט אוֹיפְטוּן מִיטְ'ן גֵיין שְׁטִימֶען, מִיט דֶעם וָואס מֶען שְׁטֶעלְט אַרַיין חֲרֵדִישֶׁע פָּארְשְׁטֵייעֶר אִין דִי כְּנֶסֶת הַמִּינִים וֶועט מֶען צוּרִיק הַאלְטְן פַארְשִׁידֶענֶע חִלּוּלֵי שַׁבָּת און נָאךְ. וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר דִי אַלֶע וָואס וַוייזְן מִיר דִי אַלֶע טַעֲנוֹת? אוֹיךְ זָאגְט מֶען מִיר אַז אֲפִילוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיב וָואלְט עֶר הַיינְט גֶעלֶעבְּט, וָואלְט עֶר אוֹיךְ גֶעהֵייסְן גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ וְוִי אַמָאל.

אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, און אִיךְ וִויל נָאר הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי נִישְׁט צוּ דִי בְּחִירוֹת הַטְּמֵאוֹת. מִיר - תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - שְׁטֵייעֶן וַוייט פוּן דִי עֵרֶב רַב, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט צוּ דִי בְּחִירוֹת. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי עֵרֶב רַב, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת.

נֶעם נִישְׁט אַרַיין קַיין צֵייטוּנְגֶען אִין שְׁטוּבּ; דִי צֵייטוּנְגֶען זֶענֶען זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵיינֶען דִי צֶעטְלֶעךְ מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דִי פַּארְטֵייעֶן; אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף, אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר און דִי אַלֶע וָואס זָאגְן עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ גֵיין שְׁטִימֶען - אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת; זֵיי זִינְגֶען: "מִיר מֵיינֶען נִישְׁט קַיין כָּבוֹד, מִיר מֵיינֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט" - אָבֶּער אַלֶעס אִיז נָאר פַאר כָּבוֹד און גֶעלְט.

חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אוֹיף דֶעם צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען כָּל יָמָיו אוֹיסְצוּשְׁרֵייעֶן דֶעם אֱמֶת, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, אַז דִי מְדִינָה אִיז אַ מְרִידָה בְּמַלְכוּת שָׁמַיִם - אַז הַיינְט וָואלְט גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ; חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן.

טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, אַ שָׁאד גֵיין אִין וִיכּוּחִים; אִין דִי צַייט קֶענְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן שֵׁיינֶע סְפָרִים וָואס דִי מְפִיצִים זָאלְן מֵפִיץ זַיין יֶעדֶע מָאל עֶס אִיז דָא בְּחִירוֹת; אֵיינֶע פוּן דִי סְפָרִים אִיז 'יֵשׁ בְּמִי לִבְחֹר', עֶס אִיז דָא פַאר וֶועם צוּ שְׁטִימֶען. אִין דֶעם סֵפֶר אִיז מוֹהֲרָא"ש מְגַלֶּה מֶען זָאל בּוֹחֵר זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט דִי פַּארְטֵייעֶן.

דִי מְדִינָה קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִיוּם וַוייל עֶס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה; יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פַאלְט זִי נָאכְאַמָאל צַאם אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט אִיר נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אוּן עֶס פַאלְט נָאכְאַמָאל צַאם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ אוּן אַלֶע אִידְן וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נֶעמְט דִי בְּרִיוו פַאר הַדְרָכָה, נִישְׁט פַאר תִּיקוּנִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, כ׳ אֱלוּל, תשפ"ב

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט פוּן וָואס אִיר רֶעדְט; אִיר רֶעדְט אַז אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן פַארְשֶׁעמְט פוּן דִי בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיְו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיְו] אוּן אִיר נֶעמְט דָאס פַאר אַ תִּיקוּן.

זַייט מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וֵייס נִישְׁט פוּן וָואס אִיר רֶעדְט; פוּן וָואס פַאר אַ תִּיקוּן רֶעדְט אִיר? דֶער בְּרִיוו אִיז דָאךְ אֵיין שְׁטִיק חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיטְ׳ן מַאן; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן פוּן דֶעם? פוּן וָואס רֶעדְט אִיר בִּכְלַל? וָואס תִּיקוּנִים? וֶוען תִּיקוּנִים?! אִיךְ ווִיל אַייךְ פַארְשֶׁעמֶען? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט מַיין צַייט? אִיךְ ווִיל אַייעֶר שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן.

אִיר קֶענְט גֵיין צוּ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חַבֶרְ׳טֶעס, אִיר קֶענְט גֵיין הֶערְן שִׁיעוּרִים צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ פְרוֹיעֶן, אִיר דַארְפְט דָאס מַאכְן מִיט חָכְמָה נִישְׁט זִיךְ רֵייצְן מִיט קֵיינֶעם אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁטֶעכְן, זִיכֶער נִישְׁט אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין אַרְבֶּעטְן וְכוּ׳; וָואס דַארְפְט אִיר גֵיין אַרְבֶּעטְן, בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, זַייט אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ גֵּיין צוּ קְבָרִים; אַ פְרוֹי גֵייט נִישְׁט צוּ קְבָרִים אִין דִי טֶעג וְכוּ׳, בִּכְלַל אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֵיין צוּ סְתַם קְבָרִים, אֲפִילוּ קִבְרֵי אָבוֹת גֵייט מֶען נָאר מִזְּמַן לִזְמַן - נִישְׁט טֶעגְלִיךְ. אַנְדֶערְשׁ אִיז אָבֶער קִבְרֵי צַדִּיקִים; צוּ אַ צַדִּיק גֵייט מֶען אִין אַלֶע צֵייטְן, בַּיי אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז וִוי מֶער מֶען קֶען גֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

[דִי בְּרִיוְו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוְו בַּאצִיט זִיךְ:

**אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז מְכַבֵּד דֶעם מַאן, נִישְׁט אִים מְחַנֵּךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַייעֶר הוֹדָעָה.

אַז אִיר הָאט חַיּוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זָאלְט אִיר דָאס נוּצְן פַאר אַייךְ אוּן טַאקֶע לֶעבְּן מִיט דֶעם, אָבֶער נִישְׁט אַרַיינְשְׁטוּפְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן. מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצְווִינְגֶען אַ צְוֵוייטְן צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר, בִּפְרַט דִי אֵייגֶענֶע מַאן; דִי פְלִיכְט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי אִיז ׳מְכַבֵּד זַיין׳ דֶעם מַאן אוּן אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוֹיף זַיין וֶועג, נִישְׁט אִים ׳מְחַנֵּךְ זַיין׳ אוּן אִים מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל.

אַ פְרוֹי וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט דֶער שַׁארְפְסְטֶער אוּן נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם, אוֹיב אִיז זִי אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי - וֶועט זִי מִיט אִיר חָכְמָה אִים מַאכְן שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז קְלוּג אוּן אִים מַאכְן דֶער טְרָאן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה. אוֹיף אַזַא פְרוֹי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (מִשְׁלֵי יב, ד): ״אֵשֶׁת חַיִל״, אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, ״עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ״, דֶער תַּרְגוּם זָאגְט ״כְּלִילָא לְבַעֲלָהּ״, זִי אִיז אַ קְרוֹין פַאר אִיר מַאן; מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט: ״אֵשֶׁת חַיִל״, אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, ״עֲטֶרֶת בַּעְלָהּ״, אִיר מַאן - אִיז אִיר קְרוֹין, אִיר מַאן אִיז דִי קְרוֹין פוּן אִיר לֶעבְּן, אִיר מַאן אִיז דֶער קְרוֹין פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, דֶער מַאן אִיז דֶער מַחְלִיט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דֶער מַאן אִיז דֶער פָּאן טְרֶעגֶער.

אַ נִישְׁט קְלוּגֶע פְרוֹי, וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט דֶער שַׁארְפְסְטֶער אוּן נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם - וֶועט טוּן דָאס פַארְקֶערְטֶע; זִי וֶועט אִים טְשֶׁעפֶּען, אִים דֶערְנִידֶערְן אוּן מַאכְן זִיכֶער אַז יֶעדֶע שְׁכֵנָה אוּן יֶעדֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה וֵוייסְט אַז אִיר מַאן אִיז אַ נַאר, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער וֶועט זִי מַאכְן זִיכֶער אַז יֶעדֶע קִינְד אוּן אֵיינִיקְל זָאל וִויסְן אַז דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, דֶער זֵיידֶע הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; אוֹיף אַזַא פְרוֹי זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי, שָׁם): "וּכְרָקָב בְּעַצְמוֹתָיו", אַזוֹי וִוי אַ וָוארֶעם וָואס בַּייסְט אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, "מְבִישָׁה", אַזוֹי אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, הֶערְט אוֹיף זִינְגֶען פַאר אַלֶעמֶען דֶעם נִיגוּן: "מַיין מַאן אִיז אַ נַאר", "מַיין מַאן אִיז אַ טִיפֵּשׁ", "מַיין מַאן הָאט מִיט דִי נֶערְוֶוען"; נָאכְן זִינְגֶען אַזַא נִיגוּן וֶועט אַייךְ נִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן, קֵיינֶער וֶועט אוֹיף אַייךְ נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְן; אֶפְשָׁר בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, וֶוען מֶען קֶען הֶערְן אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרָע - וֶועלְן מֶענְטְשְׁן מֶענְטְשְׁן אוֹיסְהֶערְן, אָבֶער נָאכְן שְׁמוּעֶסְן - קוּקְט מֶען אַרָאפּ אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם. מֶענְטְשְׁן הָאבְן לִיבּ אֵיינֶעם וָואס קְרֶעכְצְט נִישְׁט, מֶען הָאט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס זֶעט נָאר דָאס גוּטְס פוּן לֶעבְן.

נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זִיךְ, לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אָטֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן אַייעֶר מַאן זָאלְט אִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן אִים זַיין גֶעטְרֵיי. אַז עֶר דַארְף שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אִין דִי אֵייעֶר, רוֹיעֶ צְוִויבְּל - זָאלְט אִיר אִים אַרַיינְשְׁנֵיידְן גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע שְׁטִיקֶער רוֹיעֶ צְוִויבְּל. עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶר מִצְוָה אִים צוּ מְחַנֵךְ זַיין וְכוּ', נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסה) מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין צְוִויבְּל, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט; אִיר קֶענְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַייךְ, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיפְצְווִינְגֶען אוֹיפְ'ן מַאן וֶוען עֶר הָאט זַיין וֶועג אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

בְּנוֹגֵעַ אַז עֶר וִויל נִישְׁט אִיר זָאלְט לֶערְנֶען גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן רֶבִּי'ן; דָאס זָאלְט אִיר טוּן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, פוּן אֵיין זַייט אִים נִישְׁט וֵויי טוּן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, נִישְׁט זִיךְ רֵייצְן חַס וְשָׁלוֹם; עֶס אִיז דָא גֶענוּג צַייט אִין טָאג וֶוען מֶען קֶען זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אָן טְשֶׁעפֶּען דֶעם מַאן.

בַּאנוּצְט אַייךְ מִיט אַייעֶר גֶעוֶוער, מִיט תְּפִלָּה; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַייעֶרֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין צַדִיקִים, אַלֶע זָאלְן זַיין דָבוּק צוּם בַּאשֶׁעפֶער; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן, אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַיינְבֵּייגְן מַיין קָאפּ פַאר דִיר. אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיין לֶעבְּן - אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען. אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ; אִיךְ, מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ, אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס - פוּן דִיר".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר מְנַצֵּחַ זַיין דִי מִלְחָמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...]

**דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן בַּאצָאלְן דַיין חוֹב פוּן שְׂכַר לִימּוּד; הָאסְט מִיר גְרִינְג גֶעמַאכְט. מֶען הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן אָפִּיס אַז רוֹב אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶענוּמֶען עֶרְנְסְט מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימּוּד.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אַ חֶסֶד, זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי הַיְיזֶער אָדֶער שׁוּלְ'ן אוּן מִיר דָאס בְּרֶענְגֶען אִין אוּמַאן, בְּרֶענְג מִיר כָאטְשִׁיג הוּנְדֶערְט דָאלֶער. אִיךְ וֶועל נִישְׁט נֶעמֶען דַיין גֶעלְט, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט דַוְקָא גֵיין נָאךְ גֶעלְט; אִיךְ הָאבּ אַ טַעַם פַארְוָואס אִיךְ בֶּעט עֶס יֶעצְט, אִיךְ וֶועל נָאר נֶעמֶען גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט צַאמְגֶענוּמֶען פַאר צְדָקָה, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט מִיר דָאס בְּרֶענְגֶען אִין אוּמַאן.

בַּאנֵיי זִיךְ, זַיי נִישְׁט אַלְט. הוֹיבּ אָן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר אָדֶער לֶערְנֶען בְּחַבְרוּתָא - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר - לֶערְן אַלֵיין, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא. דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס. דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן טוּט נֶעבֶּעךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט אַלֶעס לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ טוּן - אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא, וַוייל דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע מִסְפָּר וִוי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה, דֶערְפַאר הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא; אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ זָאל טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ יָאג זִיךְ אַבִּיסְל; אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְנוּמֶען מִיט דִי גְרוֹיסֶע נְסִיעָה קַיין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ; דָאס אִיז אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר פַאר דִי וָואס מִיר הָאבְּן זֵיי פַארְדִינְגֶען אַ בֶּעט. ווייל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט גֶעבְּן דַיין קַארְטְל פַאר אַנְדֶערֶע, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען חֲבֵרִים; אַז דוּ דִינְגְסְט אַ בֶּעט אוּן דוּ בַּאקוּמְסְט אַ קַארְטְל - אִיז דָאס פְּרִיוַואט פַאר דִיר.

צוּ דִי תְּפִילּוֹת עֶפְנְט מֶען דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער בִּנְיָן וַוייטֶער פְּרִיוַואט, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין בַּיי דִי צִימֶערְן. אוּן בַּיי דִי אַנְדֶערֶע צַייטְן, פַאר סְעוּדוֹת, אָדֶער סְתָּם זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - אִיז דֶער בִּנְיָן אַ פְּרִיוַואטֶע בִּנְיָן.

פַאר דִי אַלֶע וָואס פְרֶעגְן מִיךְ אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען אַרַיינְקוּמֶען, אוּן פַאר דִי וָואס פְרֶעגְן אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אוּן נָאר יֶענֶעם, בֶּעט אִיךְ זֵיי, בִּיטֶע טוּ מִיר אַ טוֹבָה אוּן מַאךְ מִיךְ נִישְׁט פַאר קַיין שְׁלֶעכְטֶער, בֶּעט מִיךְ נִישְׁט דִי זַאךְ; אַז דוּ ווִילְסְט טַאקֶע אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן מַמָּשׁ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי דוּ גֵייסְט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן אָן זַיין מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - קֶענְסְטוּ יֶעצְט דִינְגֶען אַ בֶּעט פַאר קוּמֶענְדִיגְן יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

עֶס וֶועט זַיין חֶדֶר פַאר דִי קִינְדֶער וָואס שְׁלָאפְן אִינֶעם בִּנְיָן, דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְּדִים וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, דַאוֶונֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן גֵיין צוּם צִיּוּן מִיט דִי קִינְדֶער. דִי מְלַמְּדִים לֵייגְן אַרַיין כּוֹחוֹת, זֵיי גְרֵייטְן אָן אַ פְּרָאגְרַאם פַאר דִי קִינְדֶער אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן זַיין אִין שׁוּל, דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן זִיצְן נֶעבְּן דֶעם בַּעַל תְּפִילָּה. זֵיי שְׁלֶעפְּן מִיט גַאנְצֶע בַּאקֶסֶעס מִיט פְּרָסִים פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט וַואלְגֶערְן אוֹיף הֶפְקֵר.

עֶס אִיז כְּדַאי שׁוֹין אָנְצוּהוֹיבְּן דִי פַּרְשָׁה אוּן דָאס עֶנְדִיגְן נָאךְ אֵיידֶער מֶען פָארְט אַרוֹיס, אַזוֹי וֶועט מֶען עֶנְדִיגְן דִי סֶדְרָה; לָאז נִישְׁט אִיבֶּער אוֹיף סוֹף וָואךְ וֶוען מִיר וֶועלְן זִיךְ וַואלְגֶערְן אוֹיף דִי נְסִיעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**בַּיים צִיוּן אִיז דָא נָאר אֵיין זַאךְ: "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מָארְגְן פָארְן מִיר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן. אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְמַאנֶען זָאלְסְט זִיךְ פִירְן בַּיים צִיוּן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ; עֶס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִּיק, עֶס זֶענֶען דָא וָואס טַאנְצְן וְכוּ' וְכוּ'; דַארְף מֶען ווִיסְן, וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן דַארְף מֶען שְׁטֵיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁטָא קֵיין שְׁמוּעֶסְן בַּיים צִיוּן; בַּיים צִיוּן אִיז דָא נָאר אֵיין זַאךְ: "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת".

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט פַאר מִיר אוֹיךְ בֶּעטְן בַּיים צִיוּן אוּן אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זַיי מִיךְ מַזְכִּיר לְטוֹבָה, דֶערְצֵייל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ דַארְף דַיינֶע תְּפִילּוֹת.

שְׁפְּרִינְג אַרִיבֶּער אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּם צוּם רֶבִּי'ן, דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז קוּמֶען קֵיין אוּמַאן. אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ וָואס עֶר זָאל טוּן, זַיין מַאמֶע אִיז אַוֶועק אוּן עֶר דַארְף זִיצְן שִׁבְעָה, אוֹיבּ עֶר זָאל קוּמֶען קֵיין אוּמַאן אָדֶער נִישְׁט. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן קוּם קֵיין אוּמַאן (אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט [חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו] מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן מְסִירַת נֶפֶשׁ), אָבֶּער דָאס קֶען אִיךְ דִיר יָא זָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען קֵיין אוּמַאן וֶועסְטוּ טוּן אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דַיין מַאמֶע'ס נְשָׁמָה".

עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ אַז דוּ פָארְסְט מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת ב, ו): "הַשָּׂטָן מְקַטְרֵג עַל הַדֶּרֶךְ", אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה, דִי אוֹיגְן אִיז אִין אַ סַכָּנָה; עֶנְדֶערְשׁ זִיצְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער

חַבֵר און שְׁמוּעֶסְן פון רֶבִּי'ן ווי אֵיידֶער זִיצְן אַלֵיינְס און קוּקְן אַ ווִידִיאוֹ פון עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת און שְׁפִיכוּת דָּמִים.

גֵיי נָאךְ גֶעלְט, מֶען מֶעג גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר הוֹצָאַת הַנְּסִיעָה; גֵיי צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט, אִיךְ ווִיל פון דִיר לְכָל הַפָּחוֹת הוּנְדֶערְט דָאלֶער, און דִי אִיבְּרִיגֶע זָאל גֵיין פַאר דִיר פַאר דַיין נְסִיעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

---

**וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר שִׁיקְט אַייעֶר מַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר שִׁיקְט אַייעֶר מַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּשְׁעַת אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז דֶערְקֶעגְן וְכוּ'; דִי פְרוּיעֶן וָואס שִׁיקְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן קֶענֶען זַיין זֵייעֶר רוּאִיג אַז עֶס קוּמְט זֵיי אַ גוּט יָאר.

אַ קְלוּגֶע פְרוֹי קוּקְט אוֹיף זִיךְ, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי קוּקְט נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, זִי מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן 'עֶס קוּמְט אַ לַאנְגֶע יָאר, מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל רַחֲמִים אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם, וָואס קֶען זַיין בֶּעסֶער ווִי שִׁיקְן מַיין מַאן צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - וָואס וֶועט זָארְגְן פַאר אִים און פַאר אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גוּטֶע יָאר, אַ גֶעזוּנְטֶע יָאר, אַ יָאר מִיט הַרְחָבַת הַדַעַת און אַ יָאר מִיט מְנוּחָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

---

**גֶעבּ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע נְסִיעָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי", אִיךְ פִיר זִיךְ, "כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם", וֶוען עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶם טָאג, "אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי", גֶעבּ אִיךְ אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן טָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְשֶׁל בָּנַי, וְהַתְּלוּיִים בִּי, עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִיר, "שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", אַלֶעס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, "וְזֶה טוֹב מְאֹד", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, ווַייל אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג אַז אַלֶעס וָואס פִירְט זִיךְ, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - אִיז אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

"וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אִיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד". אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

נֶעם זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ סְפָרִים. עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וֶוען מֶען פָּארְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אִין לוּפְט פֶעלְד אוּן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, מֶען פָּארְט מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה; יֶעדֶער לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מֶען אִיז נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים תְּמִידִים.

אִיךְ פָאר אִם יִרְצֶה ה' הַיינְט נַאכְט; דֶער פְּלַאן אִיז אַז מִיר קוּמֶען אָן מִיטְוָואךְ נָאכְמִיטָאג קַיין רֵישָׁא, פוּן דָארְט פָארְן מִיר קַיין לִיזֶענְסְק צוּם

הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וֶועל זַיין בַּיי דִי כּוֹחוֹת צוּ פּוֹקֵד זַיין בַּיים צִיּוּן אוּן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זַיין דְרֵיי מָאל מִיט מַיין זֵיידֶע קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין לִיזֶענְסְק; דִי הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה דָארְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

גֶעבּ אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע נְסִיעָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### מִיט סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה, וֶועט דִי שְׁטוּבּ נִישְׁט צֶעפַאלְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר זָאלְט שְׁפִּירְן זִיכֶער מִיט אִים; אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ אַ טֵייעֶרֶער מַאן, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת.

דָאס וָואס אִיר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ לֶעבְּן כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ; אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַסַאךְ יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַדִּיק וָואס אִיז מְחַזֵּק אוֹיף תְּפִלָּה אוּן אוֹיף סַבְלָנוּת - צֶעפַאלְט דִי פָּארְפָּאלְק. לֵיידֶער, אַזוֹי סַאךְ יוּנְגֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶ'ע פָּארְפֶעלְקֶער גֶעטְ'ן זִיךְ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט; שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט תְּפִלָּה אוּן זַייט גְרֵייט פַאר אַייעֶר מַאן אֲפִילוּ אָן טַעַם אוּן אָן גֶעפִיל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה", וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? "כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", אַ פְרוֹי וָואס אִיז גְרֵייט פַארְ'ן מַאן וְכוּ'.

דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען אַלֵיינְס, אַז מֶען רֶעדְט דָא דִירֶעקְט צוּ פְרוֹיעֶן וָואס

הָאבְּן נִישְׁט קַיין טַעַם און גֶעפִיל, וַוייל אַז עֶס אִיז דָא אַ גֶעפִיל - דַארְף מֶען נִישְׁט חִיזוּק צוּ טוּן רְצוֹן בַּעֲלָהּ, דָאס אִיז דִי אֵייגֶענֶע ווִילְן, נָאר דִירֶעקְט דִי פְּרוּוּוְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין רָצוֹן אָבֶער זֵיי טוּעֶן דִי ווִילְן פוּנֶעם מַאן, וָואס אִיז דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאר זֵיי וַוארְט אַ גְרוֹיסֶע שָׂכָר.

עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען שְׁפִּירְט זִיכֶער מִיטְ'ן אֵייגֶענֶעם מַאן. אַסַאךְ מָאל מַאכְט זִיךְ בַּיי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, עֶס וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אִינֶערְלִיכֶע גֶעפִילְן פוּן וֶועלְן צוּרִיק לוֹיפְן אַהֵיים; עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט בִּיז מֶען שְׁפִּירְט זִיכֶער מִיט זִיךְ אַלֵיין און מִיטְ'ן מַאן.

מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, פוּן זוּכְן דָאס גוּטְס אִין זִיךְ אַלֵיין און זוּכְן גוּטְס אִינֶעם מַאן - וֶוערְט מֶען מֶער און מֶער זִיכֶער מִיטְ'ן נֵייעֶם לֶעבְּן, וּבִפְרַט מִיט דִי עֵצָה פוּן ווִיסְן און גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג דִי לֶעבְּן, עֶס וֶוערְט אַ גַן עֵדֶן; מֶען שְׁפִּירְט יֶעדֶע מִינוּט דִי זִיסְקֵייט פוּן גַן עֵדֶן.

מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן. אֱמֶת, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כא:): "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בִּתּוֹ תּוֹרָה, כְּאִלּוּ מְלַמְּדָהּ תִּפְלוּת", לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז נִישְׁט פַאר פְרוֹיעֶן; אָבֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן, דָאס אִיז אֱמוּנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם.

יֶעצְט אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע גְרִינְגֶע סֵפֶר אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח אִין אִידִישׁ, אַ סֵפֶר וָואס פְרוֹיעֶן און קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין. מֶען קֶען שׁוֹין לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶערוֹיף (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן מו): "דֶער סֵפֶר אִיז אַתְחַלְתָּא דִגְאוּלָה", דָאס אִיז דֶער אָנְהוֹיבּ פוּן דִי גְאוּלָה.

וֶוער עֶס פַארְזוּכְט פוּן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר - הוֹיבְּט אָן וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה, זַאכְן הֶערְן אוֹיף בַּאדֶערְן, זַאכְן הֶערְן אוֹיף צוּ נֶערְווִירְן, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר

בְּנַחַל אִין אִידִישׁ, אוֹיךְ דִי סְפָרִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען, סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; חִיזוּק, שֵׂכֶל אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וֶועט אַייךְ צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוערְן דִי לֶעבְּן גְרִינְג, עֶס וֶועט זִיס וֶוערְן.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר דַיינֶע חֲסָדִים, דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ מַאכְסְט מִיר נָאר גוּטְס, דוּ מַאכְסְט מִיט מִיר אַזוֹיפִיל נִיסִים; וִויפִיל אִיךְ וֶועל דִיר דַאנְקֶען - וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ קֶענֶען דַאנְקֶען אֲפִילוּ נָאר אוֹיף אֵיינֶע פוּן דַיינֶע טוֹיזְנְטֶער גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט; הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶע מַאן, אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, אַ מַאן מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת, אַזַא וֵוייכֶע הַארְץ, עֶר אִיז אַזוֹי גוּט צוּ מִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם מִיט אַנְדֶערֶע, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וֶועם צוּ בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פוּן דִיר שֶׁעם אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ בֶּעטְן וַוייל דוּ בִּיסְט מַיין טַאטֶע, דוּ בִּיסְט דֶער אָב הָרַחֲמָן, אַ רַחְמָנוּת׳דִיגֶער טַאטֶע.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעַם, קַיין שׁוּם גֶעפִיל - צוּ לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי וֶועלְט; וִוי אַזוֹי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ פִירְן.

עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, עֶס אִיז מִיר גֶעפֶערְלִיךְ; יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמְט צוּ דֶעם - וֶוערְט מִיר שְׁלֶעכְט, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ דֶערְשְׁטִיק זִיךְ, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פַארְלִיר מַיין אָטֶעם.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס קֶען דָאס זַיין? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט דִי טַעַם אִין לֶעבְּן אַזוֹי וִוי אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ? בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער, דָאס מַאכְט

חָרוּב אונזער שָׁלוֹם בַּיִת; וַוייל יֶעדֶע מָאל עֶס קוּמְט די צַייט פון לֶעבְּן מִיטְ'ן מַאן - הוֹיבּ אִיךְ אָן שְׂפִּירְן ווי אִיךְ וויל אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים, אוּן פוּן מִיר; אִיךְ שְׂפִּיר ווי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט, אִיךְ זוּךְ אַלְץ תֵּירוּצִים, אִיךְ מַאךְ אוֹיף מַעֲשִׂיוֹת; הַיינְט שְׂפִּיר אִיךְ נִישְׁט גוּט, נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיד, אַייעֶר נֶעכְטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין צַייט; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין תֵּירוּצִים, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; מַיין מַאן אִיז אַזַא רַחְמָנוּת, עֶר וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דָא גֵייט פָאר.

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֵייל מִיךְ אוֹיס. מַאךְ אַ נֵס, מַאךְ מִיךְ גֶעזוּנְט, מַאךְ מִיר אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, מַאךְ מִיר אַ גֶעפִּיל צוּ לֶעבְּן אַזוֹי ווי דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ.

אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס גֶעזוּנְט, אִינְדְרוֹיסְן זֶעהֶען מִיךְ מֶענְטְשְׁן מְקַנֵּא, אִינְדְרוֹיסְן מֵיינֶען מֶענְטְשְׁן אַז אִיךְ הָאבּ דִי עֶכְטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַ טוֹיטֶע, אִיךְ בִּין נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

אָנָּא הַשֵּׁם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין סֶעקְיוּר"ד מִיט מַיין מַאן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶעבּ מִיט אִים אָן גֶעפִיל, אָן טַעַם - זָאל אִיךְ וֶוערְן גֶעזוּנְט פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ, אָמֵן".

זָאגְט דִי תְּפִלָּה, אוּן לֵייגְט צוּ אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, מֶער פֶערְזֶענְלִיךְ, אוּן בְּרֶענְגְט זִיךְ בֶּעסֶער אַרוֹיס - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים; אִיר וֶועט הָאבְּן אַן אֱמֶתְ'עֶ אַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זִינְג אוּן טַאנְץ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס זָארְגְט פַאר אוּנְז**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ"ה אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר פָאְרן צוּם רֶבִּי'ן, מִיר זֶעהֶען יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג

צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן; דִי נְסִיעָה לַייכְט אוּן שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצא): "אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָאס לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי וֶועגְן וָואס אִיר פָּארְט אוֹיף זַיי צוּ מִיר"; פוּן יֶעדֶע טְרִיט, פוּן יֶעדֶע רִיר - וֶוערְט בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים רֶבִּי יוּדְל אוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק, וֶוען זֵיי פְלֶעגְן פָארְן פוּן דַאשׁוּב קַיין מֶעדְוֶועדִיווְקֶע (שָׁם): "מִיט יֶעדֶע טְרִיט וָואס אִיר קוּמְט צוּ מִיר - וֶוערְט בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ".

זִינְג אוּן טַאנְץ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; זִינְג אוּן טַאנְץ אַז מִיר הָאבְן אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַאר אוּנְז, אַ רֶבִּי וָואס זָארְגְט פַאר אוּנְז. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ נַאכְט פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "מַה לָּכֶם לִדְאוֹג", וָואס הָאט אִיר זִיךְ צוּ זָארְגְן, "מֵאַחַר שֶׁאֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם", נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ גֵיי פַאר עֶנְק; דֶער רֶבִּי גֵייט פַאר אוּנְז, דֶער רֶבִּי מַאכְט שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט אוּנְז, כְּמוֹ שֶׁאָמַר (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצג): "אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְנֶע, אוּן אִיךְ בָּאוֶוע דֶערְפוּן בִּנְיָנִים".

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְן וֶוען מִיר וֶועלְן אָנְקוּמֶען אֶל הַמְּנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה אִין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אִין אוּמַאן אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס - דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר קוּמֶען שׁוֹין כִּמְעַט אָן צוּם רֶבִּי'ן; טוֹיזְנְטֶער אִידְן שְׁלֶעפְּן זִיךְ פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן, זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין; אַזוֹיפִיל מִי אוּן פְּלָאג הָאבְן מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט הֵיי יָאר צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אַזוֹיפִיל גֶעלְט הָאבְן מִיר גֶעצָאלְט צוּ

קֶענֶען זַיין הַיי יָאר, אַ הִיסְטָארִישֶׁע יָאר - בַּיים רֶבִּי'ן. יֶעצְט וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן אִין אוּמַאן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין צוּ קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם, מֶעק אוֹיס אַלֶע אַדְרֶעסְן פוּן אוּמַאן, אִין אוּמַאן אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעס - דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

גֵיי צוּם צִיוּן, נֶעם אַ תְּהִילִים אוּן זָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן וֶוין זִיךְ אוֹיס; לֵייג אַרָאפּ דַיין פֶּעקְל פְּרָאבְּלֶעמֶען, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיוּן בִּיז ווילַאנְג דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ הָאסְט גֶע'פּוֹעֵל'ט.

אִיךְ פָּאר יֶעצְט אַוֶועק פוּן לִיזֶענְסְק קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל, פוּן דָארְט פָּארְן מִיר מִיטְ'ן בַּאן קַיין ווִינִיצֶע, אוּן פוּן דָארְט קַיין אוּמַאן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר זָאלְט אִיר נָאר טְרַאכְטְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ'

לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ טְרַאכְטְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ קְלַאפְּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט גוּט וְכַדוֹמֶה, לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר זָאלְט אִיר נָאר טְרַאכְטְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד), נָאר אֵיינְמָאל אַ טָאג זָאלְן מִיר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן; אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען נָאר זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ, נָאר קוּקְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ.

אִיר הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל, אִיר הָאט גֶעשִׁיקְט אַייעֶר מַאן קַיין אוּמַאן - זָאלְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אוּן זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן; אַייעֶר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּם

גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, צוּם גְרֶעסְטְן רוֹפֵא, צוּם גְרֶעסְטְן צַדִּיק; דֶער רֶבִּי וֶועט זִיךְ זָארְגְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

נָאר פְרֵיילִיךְ; תשפ״ג אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת גָ׳אר פְּ׳רֵיילִיךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### לוֹיף צוּם צִיּוּן אוּן בֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו פָּארְנְדִיג קַיין אוּמַאן, וַוייל אִיךְ זֶע דַיין וֶוייטָאג וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט שׁוֹין דַיין שִׁידוּךְ, וִוי דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - רַחֲמָנָא לִצְלַן.

זַיי נִישְׁט נַארִישׁ, יֶעצְט וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן קַיין אוּמַאן - לוֹיף צוּם צִיּוּן אוּן בֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי אִיז דֶער שַׁדְכָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן פד) אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אִין חָלוֹם ׳וָואס אִיז מַיין פַּרְנָסָה?׳ הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: ״דַיין פַּרְנָסָה אִיז - זַיין אַ שַׁדְכָן״. אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פט): ״דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שַׁדְכָן״.

זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין מִיט קֵיינֶעם אִין מַארְק אָדֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ, גֵיי נָאר צוּם צִיּוּן אוּן קוּם צוּרִיק צוּ דַיין דִירָה.

בַּיים צִיּוּן זָאלְסְטוּ זָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי וֶוערְטֶער: ״רֶבִּי, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ. רֶבִּי, אִיךְ ווִיל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן. רֶבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין הֵיילִיג אָן קַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ מוּז חֲתוּנָה הָאבְּן״; אַזוֹי זָאלְסְטוּ וֵויינֶען בִּיז דוּ וֶועסְט פּוֹעֵל׳ן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### זיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם, מֶען זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב, פֹּה אוּמַאן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דִי גֶעפִילְן, מִיר זֶענֶען דָא אִין אוּמַאן; מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ אַזוֹיפִיל זָארְגְן, בֶּענְקֶען, גְלִיסְטְן, בֶּעטְן, וֶועלְן, הָאפְן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - צוּ קֶענֶען זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן.

יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר הַיּוֹם, מֶען זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, נִישְׁט פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי; לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן גְלַייךְ נָאךְ מִנְחָה מַעֲרִיב. מִיר פָארְן שוֹין צְוֵויי טֶעג אָן שְׁלָאפְן, מֶען מוּז זִיךְ אָפְּרוּעֶן. אוּן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיּוּן, אָדֶער קוֹדֶם דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית.

גֶעבּ אַכְטוּנְג, נֶעם נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים, נָאר וֶוער עֶס הָאט אַ רֵיינֶע מוֹיל; דָאס אִיז דֶער סִימָן, אַ רֵיינֶע מוֹיל אִיז אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ, אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל אִיז אַ שְׁמוּצִיגֶער מֶענְטְשׁ.

בַּיים צִיּוּן קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, מֶען קֶען פּוֹעֵל׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ׳ן טוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ, אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְ׳ן מִיר צוּשְׁטֶעלְן אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג פַאר מִיר אוּן מַיינֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדֶער אִיז דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר׳ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא נְסִיעָה פוּן אָנְהוֹיבְּן בִּיז׳ן סוֹף, אַזוֹי בַּאקְוֶועם, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר׳ן טוּן דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה, הָאסְט בַּאוִויזְן אַזוֹינְס וָואס קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט בַּאוִויזְן; צוּשְׁטֶעלְן וֶועגְן פַאר טוֹיזְנְטֶער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַזַא יָאר, אַ מִלְחָמָה יָאר, אַ הִיסְטָארִישֶׁע אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר פַארְשְׁרַייבְּן אַ זִיסֶע יָאר, אַ לִיכְטִיגֶע יָאר, דוּ מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס אַזוֹי שֵׁיין צוּשְׁטֶעלְן, בִּפְרַט אִין אַזַא יָאר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב, פֹּה אוּמַאן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַאר׳ן זָארְגְן מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פֵיינֶע צוּגֶעשְׁטֶעלְטֶע פְּלַאץ אִין אוּמַאן צוּ שְׁלָאפְן, עֶסְן, מִקְוֶה, דַאוֶונֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. בִּפְרַט דִי יָאר וֶוען עֶס אִיז אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה, אַלֶעס אִיז שְׁוֶוערֶער צוּ בַּאקוּמֶען, הָאסְטוּ אַזוֹי גֶעזָארְגְט אַז אַלֶעס זָאל זַיין אוֹיפְ׳ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן. אַז אֵיינֶער זָאגְט אַ וָוארְט אוּן אֵיינֶער קְרֶעכְצְט אוּן רֶעדְט זִיךְ אָפּ, דַארְפְסְטוּ פַארְשְׁטֵיין אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, מֶען שְׁלֶעפְּט זִיךְ לַאנְגֶע וֶועגְן, קוּמְט אוֹיס דֶער זָאל אַרַיינְזָאגְן אַז דָאס קְלַאפְּט נִישְׁט, יֶענְץ קְלַאפְּט נִישְׁט. בֶּעט אִיךְ דִיר, זֵיי פוּן דִי הַנֶּעֱלָבִים וְאֵינָם עוֹלְבִים, עֶנְטְפֶער קֵיינֶעם נִישְׁט צוּרִיק, דוּ טוּ דַיינְס, פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאקְוֶועם אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ בַּיִת נִצְחִי אָדֶער דֶעם טֶעלֶעפָאן צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב, פֹּה אוּמַאן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט בַּיי דִי נְסִיעָה אַז אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען, סַיי אוֹיפְ׳ן עֶרָאפְּלַאן אוּן סַיי אִין דִי בָּאס. אָדֶער הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אַ בַּיִת נִצְחִי, אָדֶער זַיין טֶעלֶעפָאן צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט דִי נְסִיעָה.

אִיר מֶעגְט שְׁטָאלְצִירְן מִיט אַזַא מַאן.

מִיר אַלֶע אוּן דִי גַאנְצֶע קְהִילָה זֶענֶען אִים זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְ׳ן צוּשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע נְסִיעָה, דִי יָאר אִיז דִי נְסִיעָה קַיין אוּמַאן בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג, עֶס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ, אוּן אַייעֶר מַאן מִיט נָאךְ - הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט עֶנְק זִיכֶער אָפְּשְׁרַייבְּן אַ גוּט יָאר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## צֶעבְּרָאכְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ כָּשֶׁרְ׳עֶ טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר, פוּן דִי דְרַאסְטִישֶׁע טוּיש וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט. הָאסְט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אוּן צֶעבְּרָאכְן דַיין טֶעלֶעפָאן אוּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ כָּשֶׁרְ׳עֶ טֶעלֶעפָאן, דוּ דַאוֶוענְסְט אוּן לֶערְנְסְט אַזוֹי שֵׁיין.

נִישְׁט אַלֶע ווייסְן פוּן דַיין טוּישׁ, פוּן אִינְדְרוּיסְן הָאסְטוּ אַלְץ אוֹיסְגֶעזֶען חֲסִידִי"שׁ, אָבֶּער דוּ אוּן אִיךְ ווייסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, וְוִי דֶער רֶבִּי הָאט דִיר גֶעמַאכְט פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בְּלַייבּ שְׁטַארְק. גֵיי אָן מִיט דַיין גוּטֶע וֶועג, גֵיי צוּם צִיּוּן בֶּעטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ. זָאג פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן דִיךְ מַאכְן פַאר אַ אִיד אוּן בֶּעט אִים פַאר אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

לֵייג מִיךְ אַרַיין אִין דַיינֶע תְּפִילּוֹת, יוֹאֵל בֶּן רַייזְּא רֶעכִיל.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**דִי הֶערְלִיכֶע נֵייעֶ קוּנְטְרֵס "אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען"**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר יֶעצְט בַּאוִויזְן דֶעם נֵייעֶם קוּנְטְרֵס: "אַ וֶועג צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען", עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט דֶעם קוּנְטְרֵס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד" פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; הֶערְלִיךְ שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אִים בֶּעטְן דֶעם קוּנְטְרֵס אוּן דָאס דְרוּקְן אִין דִי טוֹיזְנְטֶער אוּן אִין דִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער. אִיךְ בִּין זִיךְ מְקַבֵּל דָא אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן דִיר צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר, דָאס גֶעבְּן פַאר דִי מְפִיצִים פַאר אַפָּאר פְּרוּטוֹת. אִיךְ וֶועל בְּלִי נֶדֶר בְּרֶענְגֶען דִי אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט. פוּן מְפִיצִים זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר אַ קוּנְטְרֵס פִינְף סֶענְט (אִיךְ וִויל נִישְׁט גֶעבְּן בְּחִנָּם).

דֶער קוּנְטְרֵס וֶועט מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטוּרֶעם, אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶועלְן דָאס כַאפְּן אוּן וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר דַארְפְן מִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן. תשפ"ג אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת תְּ'הֵא שְׁ'נַת פַּ'ארְשְׁפְּרֵייטְן דָאס גְ'רוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**הַנְהָגוֹת פַאר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת לִקְרַאת דֶעם יוֹם הַגָּדוֹל. גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית זָאלְסְטוּ מַאכְן הַתָּרַת נְדָרִים, אוּן הֵיי יָאר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ מַאכְן אַ פְּרוּזְבּוּל.

גֵיי צוּם צִיּוּן, זָאג דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת. דִי עֲבֵירוֹת וָואס דוּ גֶעדֶענְקְסְט זָאלְסְטוּ אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה בִּכְלָלִיּוּת אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ גֶעדֶענְקְסְט נִישְׁט.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ פַאסְטְן בִּיז חֲצוֹת, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דָאס אִיז נָאר אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט; אַז מֶען אִיז שְׁוַואךְ פוּן טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ - דַארְף מֶען נִישְׁט פַאסְטְן.

גֶעדֶענְק זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אוּן גֵיין אִין מִקְוֶה - זִיךְ מְטַהֵר זַיין פַאר אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג.

רוּף אַהֵיים דַיין וַוייבּ, וואוּנְטְשׁ אִיר אָן אַ גוּט יָאר. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבּ'ס עֶלְטֶערְן אוּן דַיינֶע זֵיידֶעס. אוֹיבּ זַיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, זַיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן אוּמַאן, זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר זָאגְן שְׁטִילֶערְהֵייט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן דָאס זָאל זַיין פַאר מִיר אַ כַּפָּרָה".**

רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן, רֶעד נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה מַאכְט מֶען אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַאר זִיךְ און פַאר דִי מִשְׁפָּחָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקלט) וֶוען עֶר וָואלְט גֶעהַאט אַ פְּלַאץ צוּ מַאכְן פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ – וָואלְט עֶר גֶעמַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ.

יֶעצְט וֶוען דִי יָאר עֶנְדִיגְט זִיךְ, ווִיל אִיךְ מַאכְן מִיט דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְן גֶעטוּן דִי יָאר, שְׁנַת תשפ"ב אִין דִי קְהִילָה; נָאר בִּזְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר, מִיט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דִי יָאר הָאבְן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר און מֵיידְל שׁוּלֶע אִין יְרוּשָׁלַיִם, דִי יָאר הָאבְן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי מֵיידְל שׁוּלֶע אִין קִרְיַת יוֹאֵל, דִי יָאר הָאבְן מִיר גֶעמַאכְט אִין שְׁטֶעטְל דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, אוֹיךְ דִי מִקְוֶה מַלְכָּה. אוֹיךְ הָאבְן מִיר גֶעעֶנְדִיגְט דְרֵיי שׁוּלְ'ן אִין שְׁטֶעטְל, בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה און בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מְקוֹר הַשִּׂמְחָה.

מִיר הָאבְן גֶעמַאכְט דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי, מִיר הָאבְן גֶעקוֹיפְט דֶעם נַייעֶם בִּנְיָן פַארְ'ן בֵּית הַדְּפוּס, מִיר הָאבְן גֶעקוֹיפְט דֶעם קָאנְטְרִי אִילָן הַחַיִּים און מִיר הָאבְן גֶעקוֹיפְט דֶעם בִּנְיָן אִין שְׁטֶעטְל פַארְ'ן קִיאָסְק און פַארְ'ן בַּאזַאר.

עֶס אִיז אַרוֹיס צְוֵויי שֵׁיינֶע סִידִיס נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע סְפָרִים, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת, חָזִיתָ אִישׁ, שְׂפָתַי תִּפְתָּח, מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, און נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְן גֶעטוּן אִין דִי יָאר שְׁנַת תשפ"ב.

אוֹיךְ אִיז אַרוֹיס דִי נַייעֶ עֶפּפּ און דִי נַייעֶ בְּרֶסְלֶב'עֶ וֶועבְּזַייטְל בְּרֶסְלֶב עֶנִיטַיים.

דָאס אַלֶעס קֶען אִיךְ טוּן נָאר צוּלִיבּ דִיר און אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לְכָבוֹד דֶעם נַייעֶם יָאר שְׁנַת תשפ"ג זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן און זִיכֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן. דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן – אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְן קַיין פַיינְטְשַׁאפְט צוּ קֵיינֶעם, דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְן יֶעדְן אֵיינֶעם, זוּכְן דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, נִישְׁט טְרָאגְן און נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין לָשׁוֹן הָרָע; נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר

זוֹכֶה זַיין צוּ תְּ'הֵא שְׁ'נַת פְּ'דוּת גְ'אוּלָתֵינוּ. דוּרְךְ שָׁלוֹם, דוּרְךְ אַהֲבַת חִנָּם - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ.

אַ זִיס יָאר.

...

## אַז מִיר וֶועלְן פַ'ארְגֶ'עבְּן אוּן פַ'ארְגִ'ינֶען וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז פַ'ארְגִ'וּטִיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט עֶרֶב דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מֶען גֵייט מִשְׁפָּטְ'ן יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶעס וָואס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דוּרְךְ דִי יָאר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד בָּהּ", אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, "מוֹדְדִין לוֹ", אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים; אַז מִיר וֶועלְן מוֹחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען וֶועט יֶעדְן לִיבּ הָאבְּן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז מוֹחֵל זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז לִיבּ הָאבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: "מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת, מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן"; בִּפְרַט דִי פְרוֹיעֶן, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, תְּ'הֵא שְׁ'נַת פַ'אר-גִ'ינֶען, תְּ'הֵא שְׁ'נַת פַ'אר-גֶ'עבְּן; אַז מִיר וֶועלְן פַארְגֶעבְּן אוּן פַארְגִינֶען - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז פַ'אר-גְ'וּטִיגְן אוּן אוּנְז גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, פַּ'רְנָסָה גְ'דוֹלָה.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ, אִיךְ בֶּעט פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט יָאר, אַ זִיס יָאר, אַ פְ'רֵיילִיכֶע גֶ'עשְׁמַאקֶע יָאר, אַ יָאר פ'וּל מִיט גְ'לִיק.

טַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה אַז אַייעֶר מַאן אִיז אִין אוּמַאן, עֶר אִיז בַּיים גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, בַּיים גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער, בַּיים גְרֶעסְטְן צַדִּיק, רֹאשׁ כָּל הַצַּדִּיקִים, דֶער רֶבִּי פוּן אַלֶע רֶבִּי״ס; אַייעֶר מַאן וֶועט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַ גוּט יָאר פַאר אַייךְ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אַ זִיס יָאר.

...

מִיט נֶעמֶען דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בְּמֶשֶׁךְ יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ״ג, פֹּה אוּמַאן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ״ג, מִיר הָאבְּן צֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת; דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תגו): ״מִי שֶׁהָיָה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמוֹחַ מְאוֹד כָּל הַשָּׁנָה״.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיט נֶעמֶען דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בְּמֶשֶׁךְ יוֹם טוֹב, זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין שִׁיעוּרִים אִין גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת. הַאלְט מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנַיוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

אִיךְ פָאר שׁוֹין אַוֶועק פוּן אוּמַאן, מִיר הָאבְּן אַ לַאנְגֶע וֶועג. מִיר פָארְן פוּן אוּמַאן קַיין ווִינִיצֶע, דָארְט נֶעמֶען מִיר דֶעם בַּאן אַרוֹיס פוּן אוּקְרֵיינָא קַיין פּוֹילְן, קַיין פְּשֶׁעמִישְׁל. פוּן דָארְט פָארְן מִיר קַיין רֵישָׁא, פוּן דָארְט קַיין וַוארְשָׁא, אוּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קוּמֶען מִיר אָן קַיין אַמֶערִיקֶע דָאנֶערְשְׁטָאג בַּיינַאכְט.

שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ אוּן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן!**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ד' תִּשְׁרֵי תשפ"ג, לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען נָאךְ אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, דִי נְסִיעָה אִיז נָאכְנִישְׁט פַּארְטִיג, מֶען שְׁלֶעפְּט זִיךְ פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן; דָאךְ זֶענֶען מִיר אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין בְּרֶעקְל חֲרָטָה פַארְ'ן קוּמֶען קַיין אוּמַאן. דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן אוֹיךְ דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט קוּמֶען אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען - הָאבְּן זִיכֶער אוֹיסְגֶע'פּוֹעֶל'ט אַ זִיסֶע יָאר.

עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה, אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ. אַז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט אַרָאפְּצוּקוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ קֶענֶען נָאכְאַמָאל זַיין אִין אוּמַאן - דַארְפְן מִיר זִיכֶער זַיין גְרֵייט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אֲפִילוּ מֶען דַארְף זִיךְ שְׁלֶעפְּן מִיט אַ בָּאס צוּם טְרֶעין אוּן פוּן דִי טְרֶעין צוּם בָּאס, אוּן פוּן בָּאס צוּם הָאטֶעל, אוּן פוּן הָאטֶעל צוּם בָּאס אוּן פוּן בָּאס צוּם פְלִיגֶער, אוּן פוּנֶעם פְלִיגֶער צוּ נָאךְ אַ פְלִיגֶער, אוּן מֶען אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט פַּארְטִיג... אַזוֹי וַוייטֶער יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין נְסִיעָה, אַבִּי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ וֵוייס נָאכְנִישְׁט אוֹיב עֶס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר מָאנְטָאג נַאכְט, עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ וֶועל דִיר לָאזְן וִויסְן. אִיךְ דַארְף קוּמֶען צוּ מַיינֶע כֹּחוֹת, אוֹיךְ דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן קוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת.

יֶעדֶע מָאל דוּ ווִילְסְט גֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ פוּן דִי טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ - זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: 'פוּן וואוּ קוּם אִיךְ? וואוּ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען? אָהָ, אִין אוּמַאן! אָהָ, שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן!' דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## גוטֶע קַבָּלוֹת אוֹיף דִי נַייעֶ יָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ - תְּשׁוּבָה, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג, לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז שַׁבַּת תְּשׁוּבָה, דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, מִיר פִּירְן זִיךְ צוּ עֶסְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז סוּכּוֹת רֵינְדֶעכִיגֶע חַלּוֹת.

דִי פְּשׁוּטְ׳עֶ טַעַם אִיז צוּ דֶערְמַאנֶען פוּן ״הַמֶּלֶךְ״, מֶען קְרוֹינְט יֶעצְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי חַלָּה מַאכְט מֶען עֶס זָאל אוֹיסְזֶען ווִי אַ קְרוֹין, יֶעצְט זֶענֶען מִיר מַמְלִיךְ דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, מִיר שְׁרֵייעֶן אוֹיס: ״דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער טַאטֶע, דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער קֶענִיג״.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבְּן מִיר דֶערְמַאנְט בַּיי דִי תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְּרָשָׁה אַ מָשָׁל וָואס צַדִּיקִים פְּלֶעגְן זָאגְן בַּיי דִי דְרָשׁוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס דִי רוֹיבֶּערְס הָאבְּן פַארְכַאפְּט זַיין קִינְד, דֶער קִינְד הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף דִי צַייט וָואס דֶער קֶענִיג קוּמְט אִין פֶעלְד כַאפְּן חַיּוֹת, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען זַיין טַאטֶע הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁרֵיי: ״טַאטֶע!״ ״קֶענִיג!״ זֶענֶען אַלֶע רוֹיבֶּערְס אַנְטְלָאפְן פוּן פַּחַד, אַזוֹי אִיז עֶר צוּרִיק צוּם טַאטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ, מִיר זֶענֶען פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, מֶען אִיז לֵיידֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי רוֹיבֶּערְס, יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל וְתִשְׁרֵי קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אַרָאפּ צְווִישְׁן אוּנְז, אַ בְּחִינָה פוּן ״מֶלֶךְ בַּשָּׂדֶה״, דֶער קֶענִיג גֵייט אִין פֶעלְד; גֶעבְּן מִיר אַ גֶעשְׁרֵיי אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ: ״טַאטֶע!״ ״קֶענִיג!״ אַזוֹי אַנְטְלוֹיפְן אַלֶע קְלִיפּוֹת, אַלֶע מְקַטְרְגִים, אוּן מִיר קְלֶעבְּן זִיךְ צוּרִיק צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן רֵינְדֶעכִיגֶע חַלּוֹת, אוּנְז צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מֶען הָאט טַאקֶע יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר, אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דִי יָאר גֵייט פַארְבֵּיי, הָאסְט גֶעמַאכְט פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, יֶעצְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר דַארְף מֶען דָאס שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן צוּ טוּן, הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן - הוֹיבּ שׁוֹין אָן גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, שְׁטוּפּ דָאס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן, הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל

גֶעוֶוען אַ קַבָּלָה טוֹבָה צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר - גֵיי שׁוֹין הַיינְט אִין מִקְוֶה.

הָאסְט זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען דַיין טֶעלֶעפָאן, קוּק אוֹיף דִי רִינְדֶעכִיגֶע חַלָּה; דִי יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ שׁוֹין, לֵייג שׁוֹין אַרוֹיס דִי זַאכְן פוּן שְׁטוּבּ.

אוֹיףְ פִירְן מִיר זִיךְ צוּ עֶסְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז סוּכּוֹת פִיר עֶקֶעדִיגֶע לָאקְשְׁן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דִי טַעַם, אִיךְ טְרַאכְט אַ טַעַם. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אִין שְׁטוּבּ פַאר זַיין וַוייבּ: "הַיינְט וִויל אִיךְ נִישְׁט פַאר נַאכְטְמָאל קַאשֶׁע, הַיינְט וִויל אִיךְ לָאקְשְׁן", שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִין שְׁטוּבּ אַז עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן עֶר וִויל מֶער נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת, עֶר וִויל פוּן הַיינְט לֹא-קָשְׁן, נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת. יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי טָאג וָואס מִיר זֶענֶען מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶסְן מִיר לָאקְשְׁן פוּן פִיר עֶקְן; גֶעעֶנְדִיגְט מִיט קֻשְׁיוֹת, לֹא-קָשְׁן, פַאר אַלֶע זַייטְן, תשפ"ג אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת תְּ'הֵא שְׁ'נַת פְּ'רֶעג גָ'ארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵייליגֶער קְדוֹשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זִינְגֶען "מִזְרָח דוּ מַעֲרִיב דוּ, צָפוֹן דוּ דָּרוֹם דוּ, וואוּ אִיךְ גֵיי בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט - בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז חָלִילָה פַארְקֶערְט - בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער".

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל לְכָבוֹד דִי נֵייעֶ יָאר צוּ הַאלְטְן בַּיים דַאוֶונֶען דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר. מֶען דַארְף טַאקֶע אַסַאךְ נֶערְוֶוען, אַסַאךְ גֶעדוּלְד, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר, עֶס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער שְׁפֶּעטֶער מִיט גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְחוּנָךְ, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד, תְּ'הֵא שְׁ'נַת פִּ'יל גֶ'עדוּלְד. נֶעם זִיךְ מִיט קֶענְדִיס אָדֶער אַנְדֶערֶע נַאשׁ, אוּן יֶעדֶע פָּאר מִינוּט גֶעבּ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער נָאךְ אַ קְלֵיינִיקֵייט. אַזוֹי וִוי מְלַמְּדִים אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג אִין חֵדֶר מִיט טִיקֶעטְס, מִיט שְׁטֶערְנְדְלֶעךְ, מִיט גוּטֶע נַאשׁ.

לָאז זֵיי נִישְׁט אַרוּמְלוֹיפְן בַּיים דַאוֶונֶען. דִי גָאר קְלֵיינֶע גֶעוואוֹין אַיין צוּ זָאגְן: "אָמֵן". דֶער רְמָ"א זָאגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קכד, סְעִיף ז): "מִיָּד שֶׁהַתִּינוֹק

עוֹנֶה 'אָמֵן', יֵשׁ לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", גְלַייךְ פוּן וֶוען אַ קִינְד זָאגְט אָמֵן, אִיז עֶר אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא, אוּן לוֹיט דִי עֶלְטֶער גֶעוואוֹין זֵיי צוּ צוּ דַאוֶוענֶען מֶער אוּן מֶער, קוֹדֶם בָּרְכוּ, נַקְדִישְׁךָ, כֶּתֶר, וְשָׁמְרוּ; אַזוֹי צוּבִּיסְלִיךְ מֶער אוּן מֶער.

אֵיינֶער הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אִין אוּמַאן, גֵייעֶנְדִיג רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּארְטָאגְס צוּם צִיוּן מִיטְ'ן עוֹלָם, מִיט מַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער: "וִוי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דִי הַארְץ אוֹיפְצוּוֶועקְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּם פִינְף אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס, זֵיי שְׁלֶעפְּן שְׁלָאפֶעדִיגֶערְהֵייט צוּם צִיוּן?" זָאג אִיךְ אִים: "נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת טוּ אִיךְ דָאס, אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזֶען זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן, אִיךְ וִויל זֵיי גֶעבְּן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר זֵיי, אִיךְ וִויל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען גֵיין צוּם צִיוּן".

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה גֶעפוּנֶען מִיר, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְרֵייט אָן זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן מִיט אַזוֹיפִיל חִיזוּק. צֵייל אָפּ וִויפִיל מָאל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אִים אִיבֶּער אוּן אִיבֶּער "שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"... מַמָּשׁ דָאס טוּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז, עֶר שְׁטַארְקְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי ווִילְן, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

זֶע צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת, אִיךְ וֵוייס דוּ בִּיסְט נָאךְ זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה, אִיךְ בִּין נָאךְ אוֹיךְ גוּט אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ וֵוייס נָאכְנִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר מָאנְטָאג עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם לֵיל שִׁישִׁי הַאֲזִינוּ וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהַאנְגֶען אִין מִדַּת הַשִּׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ - תְּשׁוּבָה, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג, מָרַת ... תִּחְיֶ'

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁבָּת פוּנֶעם נֵייעֶם יָאר. מוֹהֲרַנַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "אַלֶעס גֵייט אַזוֹי וִוי דִי אָנְהוֹיבּ, אַז דֶער אָנְהוֹיבּ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶער אָנְהוֹיבּ אִיז גוּט - אִיז דִי גַאנְצֶע יָאר גוּט".

ווייל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ דֶעם שַׁבָּת, אוּן וֶוען אִיר צִינְדְט לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי נֵייעֶ יָאר זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע יָאר, אַ גוּטֶע יָאר; וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיב מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת, הָאט מֶען גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער; אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מִדַּת הַשִּׂמְחָה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

גֵיי מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה זִיךְ בֶּענְטְשְׁן בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי זֵיידֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

צוּבִּיסְלִיךְ קוּמֶען מִיר צוּ דִי כֹּחוֹת פוּן דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה.

שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נֵס שַׁבָּת; אִינְמִיטְן הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בַּיי מוּסָף הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען אַ רוֹיךְ פוּן דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן, אַלֶע זֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעלָאפְן מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט אֲפִילוּ גֶעכַאפְּט דִי סֵפֶר תּוֹרָה אוּן אַרוֹיסְגֶעלָאפְן. בִּיז מֶען הָאט פַארְלָאשְׁן דֶעם עֶירְקָאנְדִישְׁן, אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט צוּרִיק מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען אוּן מִיט סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת; נִיסֵי נִיסִים אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט.

פַאר אַלֶע וָואס שִׁיקְן בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד דַארְפְן נִישְׁט מַאכְן כַּפָּרוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, מִיר מַאכְן כַּפָּרוֹת פַאר דִי אִינְגְלֶעךְ אִין חֵדֶר אוּן פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל; דוּ הָאבּ אִינְזִין פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין וַוייבּ.

גֵיי מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען אוּן זִיךְ בֶּענְטְשְׁן בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי זֵיידֶעס, אוּן אַז מֶען מַאכְט אַ וִויץ אוֹיף דִיר פוּן אוּמַאן - זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תְּשׁוּבָה, "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ", מֶען

בַּאקוּמְט בִּזְיוֹנוֹת, "יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", און מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו).

פְּרוּוְוּעֶן דַארְפְן פַאסְטְן יוֹם כִּיפּוּר, און אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר דַיין וַוייבּ צוּ דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל - זָאל זִי עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ און דַאוֶוענֶען אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער אֲפִילוּ בְּלַייבְּן אִין בֶּעט זִיךְ אָפְּרוּעֶן און פַאסְטְן.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן צוּפְרִידְנְצוּשְׁטֶעלְן דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז עֶס זֶענֶען דָא וָואס וַוארְפְן אַלְטֶע שַׁאפֶעס, אַלְטֶע בֶּענְקְלֶעךְ, קַאוּטְשֶׁעס אִין שְׁטִילֶע פְּלֶעצֶער, אִין פֶעלְדֶער און אִין וֶועלְדֶער פוּן שְׁטֶעטְל; ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, טוּ דָאס נִישְׁט; וַוארְף נִישְׁט אַרוֹיס דַיין מִיסְט אִין דִי וֶועלְדֶער אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג פוּן זִיךְ שְׁפָּארְן פוּן צָאלְן פַאר מִיסְט; וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז מֶען וֶועט קוּמֶען אוֹיף דַיינֶע שְׁפִּירְן? וֶועסְטוּ דַארְפְן בַּאצָאלְן טָאפְּלְט און טְרִיפְּלְט.

אַ אִיד לֶעבְּט מִיט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, א): "הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים ... דַּע מַה לְּמַעְלָה מִמְּךָ", אַ אִיד לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אִים, מֶען זֶעט פוּן הִימְל וָואס עֶר טוּט; חוּץ מִזֶּה פַאלְט אַלֶעס אוֹיף דִי הַנְהָלָה, וֶוען מִיר בֶּעטְן טוֹבוֹת פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע בַּאאַמְטֶע הַאלְטְן זֵיי פָאר אוֹיף דִי רֵיינְקֵייט פוּן שְׁטֶעטְל וְכַדּוֹמֶה.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גְּלַייךְ נָאךְ יוֹם טוֹב עֶפֶענֶען מִיר אוֹיף אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע קִיאָסְק. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דִי הַנְהָלָה זֵיי זָאלְן דָאס מַאכְן זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ אַהִין צִיעֶן, מֶען זָאל וֶועלְן אַהִין גֵיין, עֶס זָאל זִיךְ

נִישְׁט לוֹינֶען צוּ הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ דִי כֵּלִים וָואס צֶעבְּרֶעכְן דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אוֹיךְ אַרְבֶּעטְן מִיר אוֹיף אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן צוּפְרִידְנְצוּשְׁטֶעלְן דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## הֶעלְפְן דִי חֵדֶר אוּן דִי סְקוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט פוּן ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר; וָואס עֶר בֶּעט דִיר בְּנוֹגֵעַ הֶעלְפְן דִי חֵדֶר אוּן דִי סְקוּל - זָאלְסְטוּ זַיין גְרֵייט.

הֶעלְפְן דִי חֵדֶר אוּן הֶעלְפְן דִי סְקוּל - אִיז אֵיין שְׁטִיק הֲפָצָה; אַז עֶר בֶּעט דִיר זָאלְסְט בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אוּן אַהֵיים טְרָאגְן דִי קִינְדֶער, אָדֶער הֶעלְפְן טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער; וָואס עֶר בֶּעט דִיר - זָאלְסְטוּ זַיין גְרֵייט.

דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע קַבָּלָה פַאר׳ן נֵייעֶם יָאר.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבה.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִיבֶּערְצוּלָאזְן דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף שִׂמְחַת תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ז׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דָאס צוּ טוּן - אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיף שִׂמְחַת תּוֹרָה; נָאר

רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועְן מִיר פָאהְרְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן טוּעֶן מִיר אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ, אוֹיךְ נָאר אוֹיף אַפָּאר טֶעג, פוּן אַפָּאר טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן גְלַייךְ גֵייעֶן מִיר צוּרִיק. (דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר בַּיי קָארָאנֶע אוּן אוֹיךְ דִי יָאר בַּיי דִי מִלְחָמָה - זֶענֶען גֶעוֶוען וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן פְרִיעֶר, אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף הֶפְקֵר; דִי רֶבִּי רוּפְט זֵיי אָן פְּלִיטֶעס [שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכח], מֶענְטְשְׁן אָן קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶענְטְשְׁן אָן הִתְבּוֹדְדוּת).

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁטָא וָואס צוּ זוּכְן אִין אַמֶערִיקֶע; עֶס אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען וָואס קוּמֶען שׁוֹין אוֹיף יוֹם טוֹב, אָבֶּער אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - הָאט נִישְׁט קַיין זִין.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאךְ יוֹם טוֹב.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

## וָואס מֶען פַארְזִינְדִיגְט זִיךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ - דַארְף מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִידּוֹת; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעמַאכְט תַּשְׁלִיךְ פִירְן זִיךְ צוּ גֵיין הַיינְט נָאכְמִיטָאג מַאכְן תַּשְׁלִיךְ. וַוייל מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן טָאג יוֹם הַכִּפּוּרִים, דֶער טָאג וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם, אָבֶּער וָואס מֶען פַארְזִינְדִיגְט זִיךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ - דַארְף מֶען פַארְעֶכְטְן, מֶען דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ גַאנְץ יָאר, נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם צוּ טוּן אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ מִיט אוֹיפְזוּכְן דֶעם אוּן יֶענֶעם - אִיבֶּערְבֶּעטְן"; וַוייל דִי אַלֶע וָואס טְשֶׁעפֶּען אַ גַאנְץ יָאר - דִי דַארְפְן אִיבֶּערְבֶּעטְן אַלֶעמֶען.

מִיר הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה אוּן זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, שְׁפֶּעטֶער הָאט מוֹהֲרָא"ש מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אוֹיךְ רֶעדְן צוּ אִינְגֶעלַייט אוּן צוּ דִי מִשְׁפָּחוֹת וְכוּ'; וֶוען מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מִיר נִישְׁט דָאס צוּ טוּן וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען לִכְאוֹרָה דֶער שְׁטִילְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, פְרֶעג דִי אִינְגֶעלַייט וִוי אַזוֹי אִיךְ פְלֶעג זִיצְן אִין אַ ווִינְקֶעלֶע אֵייְדֶער דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶנְט, אוּן אַז מֶען הָאט אַ יְשִׁיבָה קוּמְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף זָאגְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען זָאגְן מֶער שְׁטְרֶענְג; בֶּעט אִיךְ דִיר אִיבֶּער, זֵיי מִיר מוֹחֵל; אִיךְ וִויל נָאר דִיר זָאל גוּט זַיין.

מָארְגְן עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים אִיז אַ יוֹם טוֹב, מֶען טוּט זִיךְ אָן בִּגְדֵי שַׁבָּת נָאךְ שַׁחֲרִית, מֶען מַאכְט אַ סְעוּדָה בַּיי חֲצוֹת. בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע סְעוּדָה פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ עֶסְן פִישׁ, אוּן שְׁפֶּעטֶער נָאכְמִיטָאג מַאכְט מֶען נָאךְ אַ סְעוּדָה. בַּיי דִי צְווֵייטֶע סְעוּדָה עֶסְט מֶען נִישְׁט קַיין פִישׁ, מֶען עֶסְט נָאר אַבִּיסְל זוּפּ מִיט פְלֵייש; עֶרֶב יוֹם הַכִּפּוּרִים עֶסְט מֶען נָאר בָּשָׂר עוֹף, לַייכְטֶע עֶסְן, נִישְׁט קַיין בָּשָׂר בְּהֵמָה.

אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ מַיינֶע כֹּחוֹת פוּן דִי נְסִיעָה; וִוי עֶס זֶעט אוֹיס יֶעצְט וֶועט הַיינְט נִישְׁט זַיין אַ שִׁיעוּר.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

**נֶעם זִיךְ פָאר זִיךְ מֶער אוּמְקוּקְן אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז אִיךְ וֶועל יָא גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נָאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִי נְסִיעָה; אִיךְ הָאף אִין דֶעם זְכוּת וֶועל אִיךְ צוּרִיקְקוּמֶען צוּ מַיינֶע כֹּחוֹת אוּן קֶענֶען זַיין בַּעַל תְּפִלָּה יוֹם הַקָּדוֹשׁ.

כַאפּ אַ זְכוּת פַארְ'ן יוֹם הַדִּין; גֵיי צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, בֶּעט זֵיי זָאלְן דִיר

בֶּענְטְשְׁן און נֶעם זִיךְ פָאר זִיךְ מֶער אוּמְקוּקְן אוֹיף זֵיי, און אוֹיבּ אִיז דָא וָואס צוּ הֶעלְפְן - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי זְכוּת פַאר דִיר, מַאךְ זֵיי דִי סוּכָּה, און הֶעלְף זֵיי מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן.

גֵיי אַוֶועק פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת און גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג דִי נִסְיוֹנוֹת זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן בִּזְיוֹנוֹת; עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי פָּאר מִינוּט תַּאֲוָה צוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט. דוּ וֶועסְט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן דַיין קָאפּ פוּן בּוּשׁוֹת; הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, וַוארְף אַוֶועק אַלֶע כֵּלִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיךְ צוּם גֵיהִנוֹם.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

...

מֶען טוּט מִיר נִישְׁט קַיין טוֹבָה מִיטְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בַּיי דַיין שְׁוָואגֶערְ'ס חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה - אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; אִיךְ הָאף עֶס וֶועט נִישְׁט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל.

מִיר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן פַאר בְּחִנָּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, און גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין דָא, אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; אַלֶע תַּלְמִידִים און אַלֶע תַּלְמִידוֹת ווִילְן נָאר חֲתוּנָה הָאבְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְן בִּילִיג, עֶס שְׁטֵייעֶן פְרוּיעֶן וָואס קָאכְן און בַּאקְן, עֶס אִיז זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג; מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' קָאכְט בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה דִי פְלֵייש, קוּמְסְטוּ אָן מִיט בַּאשְׁטֶעלְטֶע עֶסְן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה?! מֶען הָאט זִיךְ קְלָאר אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט בְּרֶענְגֶען, פַארְוָואס טוּסְטוּ דָאס צוּ מִיר?!

אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן אַז קוּמֶענְדִיגֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר חֲתוּנָה

מַאכְן אִין אַ זַאל; מֶען טוּט מִיר נִישְׁט קַיין טוֹבָה מִיטְ׳ן חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג דִי שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ טוּ דָאס נָאר צוּ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען לֶעבְן אָן קַיין גְנֵבוֹת אוּן אָן קַיין חוֹבוֹת.

דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה אִיז נָאר פַאר וֶוער עֶס ווִיל גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל נָאר חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, ט׳ תִּשְׁרֵי, עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר בְּרִיוְון, מֶען דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיפְ׳ן גְרוֹיסְן טָאג; אֵיין טָאג אִין יָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

אֵיין וָוארְט ווִיל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְן, זָאלְסְט ווִיסְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד, וֶוען וֶועט עֶר קוּמֶען אוּן זָאגְן: ״אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט״; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוּן וַוארְט, אֶפְשָׁר יֶעצְט וֶועלְן מִיר זָאגְן: ״מִיר קֶערְן זִיךְ צוּרִיק״; וֶוען אַ אִיד זָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אִיךְ גֵיי זַיין גוּט״, ״אִיךְ גֵיי זַיין וואוֹיל״ – שָׁאקֶלְט עֶר אַלֶע הִימְלֶען.

זָאלְסְט הָאבְן אַ זִיסֶע יָאר.

...

### אַ מְחַיֶּ' צוּ דַאוֶונֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי, [גָאט'ס נָאמֶען], שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ זִיס יָאר אוּן אַלֶעס גוּטְס אוֹיסְגֶעבֶּעטְן.**

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּ' צוּ דַאוֶונֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. בִּשְׁעַת דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דַאוֶונְט הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ שָׁאקְלֶען דִי לִיפְּן פוּן אַלֶעמֶען; דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִין אוּנְז, מִיר נוּצְן אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

אוֹיךְ בַּיי הַפְסָקָה אִיז זֵייעֶר שֵׁיין צוּ זֶען וִוי יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; עֶס אִיז אַ פַארְגֶענוּגְן צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בַּיי דִי כָּל נִדְרֵי דְּרָשָׁה הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אִין קוּרְצְן. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא טז, ל): "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ", לִכְאוֹרָה, וָואס אִיז דִי טָאפְּלְטֶע לָשׁוֹן? הָאסְט שׁוֹין גֶעזָאגְט 'לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם, וָואס זָאגְסְטוּ נָאכְמָאל לִפְנֵי ה' 'תִּטְהָרוּ'?! נָאר מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין מִיט דִי הַקְדָּמָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ מְטַהֵר זַיין פוּן אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת; אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, עֶר אִיז פוּל מִיט חֲטָאִים, אוֹיבּ עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְט: "טַאטֶע אִיךְ שְׁטֵיי דָא פַאר דִיר, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק; וָואס זָאל אִיךְ טוּן, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט מִיךְ גֶעבִּינְדְן מִיט קֵייטְן אוּן צוּגֶענוּמֶען מַיין בְּחִירָה, אִיךְ פַאל אִין עֲבֵירוֹת" - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל; דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: "לִפְנֵי ה'" - אַז דוּ שְׁטֵייסְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תִּטְהָרוּ" - וֶוערְסְטוּ רֵיין.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ

הָאף מֶען וֶועט דָאס אַרָאפְּשְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת יֶעדֶעס וָוארְט; אִיךְ מוּז לוֹיפְן אָנְגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר; מִיר וֶועלְן רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען נִישְׁט מְשׁוּגָע, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״א תִּשְׁרֵי, [גָאט׳ס נָאמֶען], שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גוּט יָאר, אַ זִיס יָאר; דִי תְּפִילוֹת זָאלְן נִתְקַבֵּל וֶוערְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן.

בַּיי אוּנְז אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין יוֹם הַקָדוֹשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט כֹּחַ צוּ דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִילוֹת פַּארְ׳ן עָמוּד; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט תְּפִילַת כָּל נִדְרֵי, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע דְרָשָׁה פַּאר כָּל נִדְרֵי; אַ שָׁאד אַז נִישְׁט דוּ אוּן נִישְׁט הַאבְּרֵךְ ... זֶענֶען דָא גֶעוֶוען, אַ שָׁאד אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן; הַלְוַאי זָאל מֶען קֶענֶען אָפְּשְׁרַייבְּן דִי דִיבּוּרִים, דֶער פְּשַׁט פוּן (וַיִקְרָא טז, ל): ״לִפְנֵי ה׳ תִּטְהָרוּ״, אוּן דִי טַייטְשׁ פוּן (תְּהִלִּים קיט, קלו): ״פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ״.

פְּסוּקֵי דְזִמְרָא הָאט גֶעדַאוֶונְט בְּנֵי בְּכוֹרִי הָרַב שְׁלֹמֹה שְׁלִיטָ״א, אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית, מוּסִיף אוּן תְּפִילַת נְעִילָה. מִנְחָה הָאט גֶעדַאוֶוענְט הָרַב ..., עֶר דַאוֶוענְט זֵייעֶר שֵׁיין, עֶר דַאוֶוענְט מִיט דִי סַאטְמֶערְ׳ע נוּסָח, דֶער עוֹלָם הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט; רוֹב עוֹלָם בַּיי אוּנְז קֶען גוּט דִי סַאטְמֶערְ׳ע נוּסָח, דָאס אִיז אוּנְזֶער גִּירְסָא דְיַנְקוּתָא.

דָא הָאסְטוּ דִי שְׁטִיקְל הַקְדָמָה פַּארְ׳ן סֵפֶר חָזִיתָ אִישׁ. אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ קְלֵיינֶע הַקְדָמָה פַּאר דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף,

וֶוען מִיר וֶועלְן קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן גַאנְצְן סֵפֶר וֶועל אִיךְ שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע הַקְדָמָה.

## הַקְדָמָה

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶּעט, זָאלְסְטוּ ווִיסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִּיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיטְ'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

ווִיבַּאלְד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן ווִי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפוּנֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן

צַדִיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶער אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִית" אִיז מִלְשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ רוּחָנִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ דִי נָאמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב, רֶבִּי יְ'חֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִין מִירוֹן מִיט אִים, אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל - צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם שַׁעַר הַזוֹהַר: "זֶה סֵפֶר הַזוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה סֵפֶר", דֶער דִיאַמַאנְט, "הַזוֹהַר", וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "תַּנָּא", עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", בָּרוּךְ יי' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״א תִּשְׁרֵי, [גָאט׳ס נָאמֶען], שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי שַׁיין דִי מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ; דִי מֵפִיצִים זָאגְן נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַזוֹי כַאפְּן! אֲפִילוּ דִי וָואס נֶעמֶען נִישְׁט דִי סְפָרִים - אָבֶּער דָאס נֶעמְט יֶעדֶער אֵיינֶער. אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען נָאךְ חֲלָקִים.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר קִינְדֶער. בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן ווִי אַ אִיד לִיגְט מִיט׳ן פָּנִים צוּ דֶער עֶרְד אוּן וֵויינְט, אוּן פוּן דִי זַייט עֶפְּנְט זִיךְ דִי טִיר אוּן אֵיינֶער קוּקְט אַרַיין מִיט אַ שְׁרֶעק.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

דֶער רֶבִּי לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינְט... ״אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד!״

דֶער גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן עֶפְּנְט דִי טִיר פוּנֶעם צִימֶער, עֶר ווִיל זֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר ווִיל שְׁמוּעֶסְן מִיט׳ן רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר בְּלַייבְּט שְׁטֵיין! עֶר זֶעט עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ; דֶער רֶבִּי לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן הֶערְט זִיךְ צוּ, עֶר ווִיל הֶערְן, וָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי? וָואס גֵייט פָּאר? ״אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד״, ״אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד!״ רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר, וָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי...? רֶבִּי נָתָן וַוארְט.

דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט רֶבִּי נָתָן שְׁטֵיין דָארְט. רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: ״רֶבִּי, וָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי ׳אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד׳? דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַזוֹי גְרוֹיס, אַזוֹי הֵיילִיג! אָט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת, וָואס וֵויינְט יֶעצְט דֶער רֶבִּי ׳אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד׳״?!

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: ״מֶען דַארְף אַלֶץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין אַ אִיד, ווַייל ווִיפִיל מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ ווִיסְן אוּן

צוּ פַאְרְשְׁטֵיין – אִיז דָאס נָאךְ גָארְנִישְׁט פוּנֶעם גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

אַלֶע קִינְדֶער, לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִינְגֶען: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שַׁבָּת דַארְף זַיין נָאר שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ; שַׁבָּת אִיז נִישְׁטָא קַיין כַּעַס, נִישְׁטָא קַיין עַצְבוּת, נִישְׁטָא קַיין מְרִירוּת; שַׁבָּת אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן מח) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת לה, ג): "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", מֶען זָאל נִישְׁט אָנְצִינְדְן דִי פַייעֶר פוּן 'כַּעַס' – בְּיוֹם הַשַּׁבָּת; שַׁבָּת דַארְף זַיין נָאר שִׂמְחָה.

הֶעלְף דַיין וַוייבּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן זַיי נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס וֶועט מַאכְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, זָאג פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנֻוָּלִים. נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן, עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין זוּן הֶעלְפְן בַּיי זַיין טַאטֶע מַאכְן דִי סוּכָּה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ קְרַאנְקֶער בָּחוּר, עֶר הָאט גֶענוּמֶען זַיין זוּן אוּן אִים מְטַמֵּא גֶעמַאכְט. דֶער קִינְד אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ גֶעטוּן, דֶער טַאטֶע אִיז אוֹיס מֶענְטְשׁ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר אִיז אַ פַארְלוֹירֶענֶער; עֶר וֵויינְט, וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט דָא מִיט מַיין זוּן? הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן: "אוֹיבּ אֵיינֶער רוּפְט דִיךְ אִין אַ ווִינְקֶל אוּן ווִיל דִיךְ אָנְרִירְן בַּיים אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן 'גֶעוַואלְד!'

זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן, און אויב דֶער מְנִיוָול שְׁרֶעקְט דִיךְ אָן, אויב דוּ וֶועסְט רֶעדְן וֶועט עֶר דִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן – זָאלְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל יֶענֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט טוּן; מֶען וֶועט אִים שְׁלֶעכְטְס טוּן, מֶען וֶועט אִים לֵייגְן אִין תְּפִיסָה".

קוֹיף ד' מִינִים פַאר דֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זָאגְן הַלֵּל און הוֹשַׁעְנוֹת מִיט דִי ד' מִינִים; זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר.

יֶעצְט אִין דִי עֶרֶב יוֹם טוֹב טֶעג בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן סוּכָּה. אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן אַ גַאנְץ יָאר אוּנְטֶער דַיין שָׁאטְן**".

אִיךְ בִּין הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי גֶעוֶועזְן אִין אוֹהֶל, אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועזְן פַאר דִיר.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### זַיי דוּ דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן און גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, י"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן דַיין וַוייבּ, פַארְגֶעס נִישְׁט אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; בִּפְרַט אַז עֶס אִיז אַזוֹי קַאלְט צְוִוישְׁן עֶנְק וְכוּ', מֶען רֶעדְט נִישְׁט וְכוּ', דוּ וַוארְסְט זִי זָאל דִיר שׁוֹין גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, און זִי וַוארְט נָאךְ מֶער; זִי וִויל הֶערְן עֶפֶּעס אַ רֶמֶז, עֶפֶּעס אַ וִוינְק אַז דוּ הָאסְט אִיר לִיבּ – זַיי דוּ דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן און גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט.

יֶעצְט עֶרֶב יוֹם טוֹב וֶוען דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי הֲכָנוֹת פַאר יוֹם טוֹב בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר; אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען בַּיי דִי קְדוּשָׁה.

זַיי אוֹיךְ מֵפִיץ דִי גִלְיוֹנוֹת און דִי קוּנְטְרֵסִים; זֵיי דוּ אוֹיךְ אַ מֵפִיץ.

אַ גוּטֶע וָואךְ.

...

**אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ פַארְבְּרֶענְג פַאר מְפִיצִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י״ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה אַז דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּן לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר.

דִי בֶּעסְטֶע קַבָּלָה לְכָבוֹד דֶעם נֵייעֶם יָאר אִיז עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, וַוייל וִויפִיל קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אִין אֵיין שָׁעָה? מֶען קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין אֵיין שָׁעָה מֶער וִויפִיל מֶען קֶען לֶערְנֶען אִין אֵיין שָׁעָה, אָבֶּער אַז מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, תַּמְצִיּוֹת פוּן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, אוּן הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר אֵיין שָׁעָה - הָאסְטוּ אִין אֵיין שָׁעָה הוּנְדֶערְט שָׁעָה תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָן קַיין עֶנְדֶע.

נֶעם דִי פָּאר אִינְגֶעלַייט, ... נֵרוֹ יָאִיר, מִיט הַבָּחוּר ..., מִיט הָאַבְרֵךְ ... - אוּן גֵייט אִינְאֵיינֶעם, שְׁפְּרֵייט אַייךְ אוֹיס אִין לֶעיקְוָואד לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ; הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי אַיינְווֹאוֹינֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן דִי שֵׁיינֶע חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן.

מִיר הָאבְּן נָאךְ צְוֵויי גוּטֶע קַאנְדִידַאטְן אִין לֶעיקְוָואד, הַבָּחוּר ... אוּן זַיין בְּרוּדֶער ...; נֶעם זֵיי אַרַיין אִין דַיין חַבוּרָה, וַוארֶעם זֵיי אָן פַאר הֲפָצָה.

אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ פַארְבְּרֶענְג פַאר מְפִיצִים, נֶעם אוֹיךְ דִי וָואס גֵייעֶן נָאכְנִישְׁט הֲפָצָה, אַזוֹי וֶועלְן וֶוערְן פְרִישֶׁע מְפִיצִים. טֵייל זִיךְ אַיין מִיט דִי עֶסְן, אֵיין וָואךְ בְּרֶענְגְט אֵיינֶער אַ קוּגְל, אַ צְוֵוייטֶע וָואךְ בְּרֶענְגְט אֵיינֶער אַ קֶעיק, אוּן יֶעדֶער מֵפִיץ זָאל דֶערְצֵיילְן זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, סַיי דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען, אוּן אוֹיךְ דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בִּזְיוֹנוֹת.

שְׁטֶעל אוֹיף אַן אַרְמֵיי אוּן דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גֶענֶעראַל, אוּן שִׁיק מִיר יֶעדֶע וָואךְ אַ בַּאריכְט פוּן דַיין פְלִיגְל.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## אִיךְ לוֹיבּ אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

קִינְדֶער וֶוער וִויל הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פְּרָאשׁ?

אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן, וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט הֶערְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ פְּרָאשׁ...

הֶערְט אוֹיס טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס בְּלָאזְט אַ לַייכְטֶע ווִינְטְל, דִי הִימְל אִיז שְׁוַוארְץ, עֶס אִיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אַלֶע שְׁלָאפְן, עֶס שַׁיינְט דִי לְבָנָה מִיט דִי פִּינְטְלֶעךְ שְׁטֶערְנְס, נָאר דִי צַדִיקִים זֶענֶען אוֹיף, זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דִי שְׁטָאט טְבֶרְיָה, נִישְׁט וַוייט פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, בַּיים יַם כִּנֶרֶת - שְׁפַּאצִירְט זִיךְ דָוִד הַמֶלֶךְ, עֶר זִינְגְט אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין לֶעבְן.

דָוִד הַמֶלֶךְ הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דֶען דָא אִין דִי וֶועלְט אֵיינֶער זָאל דִיךְ אַזוֹי דַאנְקֶען אַזוֹי וִוי אִיךְ דָוִד דַאנְקְט דִיךְ...?״ דָוִד הַמֶלֶךְ פְלֶעגְט אַלְץ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט יֶעדֶע

זַאךְ גֶעגֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְּלוּצְלוּנְג שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס אַ פְּרָאשׁ פוּנֶעם יַם כִּנֶּרֶת, נִישְׁט אַ פִּיצְי פְּרָאשׁ, אַ רִיזִיגֶע פְּרָאשׁ! דִי פְּרָאשׁ הוֹיבְּט אָן קְוִויטְשֶׁען. דָוִד הַמֶּלֶךְ דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, דָוִד הַמֶּלֶךְ לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן' – וֶוערְן אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט.




מִיר פְּרֶעשׁ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט!

דִי פְּרָאשׁ קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּן הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּ דָוִד... דִי פְּרָאשׁ קְוִויטְשֶׁעט: "דָוִד, דוּ זָאגְסְט אַז אִין דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אֵיינֶער וָואס זָאל אַזוֹי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דוּ, לִיגְנְט! אִיךְ מִיט אַלֶע פְּרֶעשׁ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ מֶער פוּן דִיר; מִיר שְׁלָאפְן נִישְׁט, מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוֹיךְ זֶענֶען מִיר מֶער גֶעטְרֵיי פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין מִצְרַיִם אִין דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע אוֹיוְון, צוּ טוּן דִי רָצוֹן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

דָוִד הַמֶּלֶךְ נֶעמְט אַרוֹיס זַיין פִידְל אוּן הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען (תְּהִלִּים, קַאפִּיטְל קלה): "ה'", אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "לֹא גָבַהּ לִבִּי", מַיין הַארְץ גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט, "וְלֹא רָמוּ עֵינַי", מַיינֶע אוֹיגְן דֶערְהֵייבְּן זִיךְ נִישְׁט מִיט גַאֲוָה... דֶעמָאלְט הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל.

קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים טוּעֶן, אוּן אַזוֹי וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן - טוּעֶן; וֶועלְן מִיר אוֹיךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן זִינְגֶען: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער - פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, שְׁכֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער - וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן!"



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל
הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן
הדפסה
היכל
הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
goodpointmediainc@gmail.com